בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

סעודה שלישית פרשת

## וילך - שובה תשכ"ב

שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ

• בעשרת ימי תשובה יש לעסוק במדת החסד, לעורר הרחמים שלמעלה • אי אפשר לשוב בתשובה בלי תפלה להשי"ת שיאיר עיניו לידע על מה לשוב • ביאור: עַל חֵטְא שֶׁחָטָאנוּ לְפָנֶיךָ בְּיוֹדְעִים וּבְלֹא יוֹדְעִים • סדר לשון הוידוי: חָטָאתִי, עָוִיתִי, פָּשַׁעְתִּי • עיקר התשובה ובקשת סליחה הוא על עֲוֹנוֹת ה"רִאשׁוֹנִים" כשעדיין לא היה מושרש בחטא • הטעם דקטנה מוקדמת להתחייב במצות כשהיא בת י"ב, והקטן רק כשהוא בן י"ג • "בְּךָ חוֹתְמִין", בדור האחרון העיקר הוא מדת החסד מידתו של אברהם אבינו • בזוהר: אלמלא היצר הרע לא היה "חֶדְוָותָא דִשְׁמַעְתָּא" • תכלית הבריאה יוכר לעתיד, אבל היגיעה שבזמן הזה הוא עיקר חשיבת העבודה •

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשע"ט לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע"י
**מערכת לשון קדשו**
מאנטריאל קאנאדא - 1-514-585-3040
פאר הגהות און קאמענטארן לאזט א מעסעדזש אויף **347-352-1850**. צו נעמען א חלק דורך א קרעדיט קארטל: **718-673-2199**

---

**קונטרס קיח**

## לשמיעת הדברות קודש:

(אמעריקא) **718-298-4641** (ארץ ישראל) **072-3333419**
(פון אייראפע 972-72-3333419+)

**צו הערן די תורה וילך - שובה תשכ"ב**

**דרוקט: #→922→5→16** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

(**36** מינוט) **אַביסל קלאָר**
★★☆☆☆

---

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

הרבני הנגיד החסיד, המפואר בפאר התורה והגדולה, ובמעשים טובים
מאוד נעלה, לו דומיה תהלה, כש"ת מוה"ר (לשון רבינו בדברי יואל מכתבים ח"ב מכתב יז)

## אליקים געציל בן הרה"ח ר' שלום ז"ל בערגער

נפטר ערב יו"כ תשל"ח לפ"ק

הטפסר הגדול, בונה ומקים עולמות של תורה, אשר פעל ועשה לכל קדשי בית ישראל להעמיד תורה וטהרה ואידישקייט, נתקרב לרביה"ק זי"ע עוד בעיר סאטמאר בזמן מלחמת העולם הראשונה, והיה דבוק ומקושר אליו כל ימי חייו בכל נימי לבבו ונפשו, ועמד תמיד מוכן לעשות רצון קדשו במסירות ובנאמנות, ורבינו סמך עליו ועל בינתו ושלחו בשליחיות שונות לכמה מקומות בכל העולם. זכה להחיות נפש צדיק במפעלותיו הכבירים אשר הוזיל לזה זהב לרוב עבור בניית והחזקת מוסדות התורה והיראה, ומקואות טהרה, ובהקמת עיר "קרית יואל"

(גם מוזכר בדברי רבינו בשו"ת דברי יואל יו"ד סימן נח, בדברי יואל מכתבים ח"א מכתב נ.
ועיין בדברי יואל מהדו"ת פנחס עמוד קצ"ח, שרבינו מזכירו לשבח עבור נדבתו להקמת הישיבה בבני ברק)

•

לע"נ הרבני הנכבד, ירא אלקים, בעל מדות תרומיות

## מוה"ר משה ב"ר אהרן יודא ז"ל סטראלאוויטש

נפטר צום גדלי' תשל"ט לפ"ק

•

לע"נ האשה החשובה בעלת צדקה וחסד

## מרת מליא צירל ע"ה ב"ר יהושע ע"ה

אשת הרה"ח ר' **ישראל דוב מענדלאוויטש** שו"ב ז"ל
עסקה רבות בשנים לטובת ה"באזאר" לרבות ההכנסות לתמוך במוסדות רבינו זי"ע
נפטרה ו' תשרי תשמ"ז לפ"ק

KolSatmar.com

# קושיות ודיוקים בפרשת וַיֵּלֶךְ

א

**קושיא א**

במדרש: אין וַיֵּלֶךְ אלא לשון תוכחה, שנאמר לְכוּ חֲזוּ מִפְעֲלוֹת ה׳. וצ"ב מהיכן נשמע משם דמיירי מדברי תוכחה

**וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל.**

שטייט אין מדרש (תנחומא): **וַיֵּלֶךְ, אֵין "וַיֵּלֶךְ" אלא לשון תוכחה, שנאמר** (תהלים מו, ט) **"לְכוּ" חֲזוּ מִפְעֲלוֹת ה׳.**

**א) דאַרף מען פאַרשטיין, וויאַזוי איז געדרינגען פון לְכוּ חֲזוּ מִפְעֲלוֹת ה׳ אַז ס׳איז לשון תוכחה.**

ב

# קושיות ודיוקים בהפטורת שׁוּבָה

**קושיא ב**

קושיית הגמרא בפסוק כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ: דהאי "עון" מזיד הוא וקרי ליה "מכשול" שהוא לשון שוגג

**ס׳שטייט אין דער היינטיגער הפטורה:**

**שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה׳ אֱלֹקֶיךָ כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ** (הושע יד, ב).

צריך להבין כוונת הפסוק כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ על פי פְּשַׁט, הלא עָוֹן מזיד הוא, ולמה קראו מִכְשׁוֹל, דהוא שוגג

**ב) פרעגט דאָך די גמרא** (יומא פו:) [על אומרו כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ], **האי "עָוֹן" מזיד הוא, וקרי ליה "מִכְשׁוֹל". אַ "מכשול" הייסט אַ שוגג, און ער זאָגט כִּי "כָשַׁלְתָּ" "בַּעֲוֹנֶךָ"** [שהוא מזיד].

ג

ובגמרא מתרץ בדרך דרש דקאי על "תשובה מיראה" דהזדונות נעשות כשגגות. אבל צ"ב לתרץ הקושיא גם לדרך הפשט

**נאָר די גמרא זאָגט** [לתרץ, דכוונת הכתוב כי] **דורך "תשובה מיראה" ווערן זדונות כשגגות.** [ומן עֲוֹנְךָ נעשה רק מִכְשׁוֹל].

**דאָס איז רעכט** [כפי מדרשו], **ס׳איז אַ ׳דְרַשׁ׳** [מן] **דרשות חכמינו ז"ל, אָבער ׳כפי פשוטו׳,** [איז דאָך] **אֵין מקרא יוצא מידי פשוטו, דאַרף מען דאָך פאַרשטיין** [כוונת לשון הפסוק לפי הַפְּשַׁט].

ד

**קושיא ג**

גם קשה הנתינת טעם של תיבת "כי", דקאי על האזהרה של שובה ישראל. וזה קשה אפילו לפי דרשת הגמרא

**ג)** [גם צ"ב לפי דרשת הגמרא אומרו] **"כִּי" כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ, ווי אַ "נתינת טעם", און לויט די דרשה וואָס די גמרא זאָגט אַז דורך תשובה מיראה איז זדונות כשגגות, דאָס איז דאָך ׳נאָך׳ דער תשובה איז עס כשגגות, אַז ׳פאַר׳ דעם איז** [הכתוב מזהיר] **שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל, איז דאָך עס נישט קיין נתינת טעם** [דערויף דער] **"כִּי" כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ** [שעל כן תשוב, כי קודם התשובה עדיין העון לא נעשה מכשול, ורק לאחר התשובה נעשה הֶעָוֹן רק מִכְשׁוֹל].

ה

אלא דלפי הדרש שבגמרא יש לתרץ לשון "כי" מתפרש בלשון אע"פ, והכוונה דהנביא מזהיר דאף שכבר עשית "תשובה מיראה" והזדונות נעשו כשגגות, צריך עוד לשוב "בתשובה מאהבה" שגם השגגות יתהפכו לזכיות

**אויסער אַז איך וועל זאָגן דער פְּשַׁט איז, "כִּי" כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ, "אפילו" דו האָסט שוין געטון תשובה מיראה, דאַרפסטו נאָך ווייטער תשובה צו טאָן** [לבא לידי תשובה מאהבה, כי העון עדיין הוא "מכשול" ולא נתהפך להיות "זכות"].

KolSatmar.com

אלא שגם זה דחוק, דלא נזכר כאן בפסוק לשון המורה על תשובה מאהבה דייקא

[אבל לפי זה] קומט אויס [שכוונת הפסוק הוא לתשובה מאהבה דוקא, אמנם בגמרא משמע כי] אין דעם דְרַש ווערט דאָך נישט געמאָלדן קיין תשובה מאהבה דוקא, שטייט דאָך נאָר [סְתָּם] שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה׳ אֱלֹקֶיךָ, דו זאָלסט תשובה טאָן [ומשמע דמיירי מסתם תשובה, ולא נרמז בו מדריגת תשובה מאהבה דוקא].

ו

ועל כל פנים לדרך הפשט וודאי צ״ב להבין הנתינת טעם בזה ״כִּי״ כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ, דזה מובן מאליו שצריכים לשוב בתשובה רק אם חטאו בעון

[וגם לפי פשוטו קשה, הלשון] ״כִּי״ כָשַׁלְתָּ. ווערלכן [פְּשַׁט] איך ווער זאָגן פון די ד׳ לשונות פון ״כִּי״[א], ׳לפי פשוטו׳ איז קשה איז שווער דער ״כִּי״, אַז דאָס זאָל זיין אַ ״נתינת טעם״ אויף דעם שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל. וואָרן אודאי דאַרף מען נאָר תשובה טאָן אַז מ׳האָט געזינדיגט, וואָס זאָגט ער [=דאַרף ער זאָגן] כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ איבערדעם איז שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל.

ז

[קושיא ד - מתוך הדרוש]

[גם יש להבין אומרו שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל ״עַד ה׳ אֱלֹקֶיךָ״, דאינו מובן הכוונה לפי פשוטו].

(הביאור בדברי רבינו באות לג)

ח

קושיא ה

בסוף ההפטורה, נאמר כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה׳, וְצַדִּקִים יֵלְכוּ בָם וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם

צום סוף [ההפטורה], אַ פסוק פון דעם קאַפיטל פון די הפטורה (הושע שם, י), איז: מִי חָכָם וְיָבֵן [אֵלֶּה] נָבוֹן וְיֵדָעֵם, כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה׳, וְצַדִּקִים יֵלְכוּ בָם וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם.

ט

ופירשו המפרשים דהכוונה דהפושעים נכשלו ע״י דברי התורה ודרכי ה׳ עצמן, על ידי שמכניסן לתוך דברי דברים פשטים זרים ולומדים משם דרכי מרמה

וואָס דער פְּשַׁט איז וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם, [איז] אַזוי ווי זיי טייטשן דאָ די מפרשים אויפן אָרט [בנ״ך][ב], אַז מ׳ווערט נכשל ״דורך דער תורה״, וואָרן ווייל מ׳האַלט נישט די תורה הקדושה [ולומדים בו, יכולים חס ושלום להכשל על ידה].

[וכן אין] די גמרא (בבא בתרא פט:) זעט דאָך אויס [שמלימוד התורה יכול לצאת] וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם, אַסאַך מאָל [כְּשֶׁמְּגַלִּים דברי תורה] נוצט דאָס אויף [להכשל], אם אוֹמַר [הדינים בפני הרמאים].

ווי רבי יוחנן בן זכאי האָט געזאָגט [על כמה הלכות בגמרא שם דאסור לעשותם שלא

---

[א] כמבואר בגמרא תענית (ט.) אמר ריש לקיש, כי משמש בארבע לשונות, אי, דלמא, אלא, דהא. ופירש רש״י, כל מקום שצריך לדרוש כִּי, בין לענין דרשה, בין למשמעות המקרא, תוכל לְשַׁנוֹתוֹ באחד מהני ארבע לשונות. (ועיין רש״י וירא יח, טו).

[ב] ברד״ק שם: ... ואדוני אבי ז״ל פירש וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בם, כאשר ישובו הפושעים לדרכי ה׳ ולא היו רגילים בהם כמו הצדיקים, יִכָּשְׁלוּ בָּהֶם, כאדם שאינו יודע הדרך. וזה נאמר על הפושעים שלבם עוד בדרך פשעם, אך הַשָּׁבִים בלב שלם, אלקיהם יעזרם כדי שלא יכשלו, והצדיקים במנהגם ילכו דרך סלולה וישרה.

ובמצודות דוד שם: מִי חָכָם. כהתימו דברי תוכחותיו אמר, מי שהוא חכם יבין אלה הדברים, ואם הוא נבון להבין דבר מתוך דבר, יֵדַע וישכיל אשר דַּרְכֵי ה׳ המה יְשָׁרִים אֵין בָּהֶם נִפְתָּל וְעִקֵּשׁ, וְצַדִּקִים יֵלְכוּ בָהֶם כדרך מהלכם מִבְּלִי כשלון, אבל הַפּוֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָהֶם כאילו היה בהם מקום נִפְתָּל וְעִקֵּשׁ, כי יצר מחשבות לבם יסלף להם הדרכים, ולא כן אל הצדיקים המיישרים אורחותם.

KolSatmar.com

לְרַמּוֹת את הבריות, ועל זה אמר רבי יוחנן], **אוי לי אם אוֹמַר, שמא ילמדו ממני לְשַׁקֵּר,** [אוי לי אם לא אוֹמַר, שמא יאמרו הרמאין אין תלמידי חכמים בקיאין במעשה ידינו].

[ושאלו בגמרא, אמרה או לא אמרה. אמר רב שמואל בר רב יצחק] **האָט ער געזאָגט "אוֹמַר",** [שנאמר כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה׳] **צַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם.**

[ורואים מזה כי חָשַׁשׁ אַז] **טאַקע פון זיינע ווערטער וועלן זיי נכשל ווערן.**

**י**

**קושיא ה**

**על כל פנים דאָס איז דער סוף פון דער הפטורה, נאָכדעם וואָס מ׳איז מזהיר על התשובה,** [אמר] **צַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם** [וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם].

**יא**

אבל בכל אופן גם בלשון "וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם, קשה כקושיית הגמרא דהאי "פשע" מזיד הוא וקרי ליה "מכשול" דהוא שוגג

**ה) אָבער לכאורה די זעלבע קשיא וואָס די גמרא פרעגט אויף "כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ", האי עון מזיד הוא וקרי ליה מכשול, "מכשול" הייסט דאָך איז אַ שוגג, אַזוי זאָגט דאָך די גמרא, ווי קאָן מען דאָס זאָגן אויף אַן "עון" וואָס ס׳איז מזיד, זאָגט די גמרא ווייל זדונות כשגגות.**

[כמו כן יוקשה קושיא זו על לשון הפסוק שבסוף ההפטורה] **וואָס טוט מען מיט דעם אויספיר "וּפֹשְׁעִים" "יִכָּשְׁלוּ" בָם, "פושעים" איז דאָך אויך מזידין, אַ פּוֹשֵׁעַ הייסט דאָך נאָר דער וואָס ער איז מזיד**[ג]**, און** [ער] **לאָזט אויס "יִכָּשְׁלוּ" בָם, איז דאָך אויך** [לשון] **מכשול,** [און] **לויט ווי די גמרא זאָגט אַז מכשול איז אַ שוגג איז דאָך יִכָּשְׁלוּ אויך שוגגין.**

**יב**

וקצת יש לתרץ דלפעמים לשון פשיעה קאי גם על ׳השוכח׳ מלשמור עצמו מן החטא, שהוא גדר שוגג. אבל מ"מ לפי פשוטו קאי לשון פשיעה על המזיד והמרד, וא"כ צריך תירוץ למה אמר לשון "כשלון" דהוא שוגג

**מ׳קען אפשר זאָגן "פושעים",** [אין הכוונה כאן על "מזיד", וכדמצינו] **די גמרא, אַ פשיעה איז אַמאָל פאַרהאַנדן אַז מ׳גיט זיך נישט גוט אַכטונג, הייסט אויך אַ פשיעה, אַזוי ווי רש"י זאָגט** [על דברי הגמרא ביצה] (טו:) **שמא יפשע** [פירש"י ישכח][ד]**, "ער וועט פאַרגעסן", דאָס איז אַ פשיעות** [של שכחה, אבל אינו של מזיד].

**אָבער על כל פנים ער רופט דאָ אָן** [בשם התואר] **"פּוֹשְׁעִים",** [מזה משמע שכוונתו לרגילים בכך להיות מזידים, ולא למעשה של פשיעה ושכחה שאירע פעם אחת, ואם כן עדיין צריך טעם על אומרו בלשון "כשלון" דמורה על שוגג].

**יג**

**קושיא ו**

במדרש ילקוט: מִי חָכָם, זה הקב"ה, שנאמר ה׳ בְּחָכְמָה יָסַד אָרֶץ. וְיָבֵן אֵלֶּה, שנאמר, וַיִּבֶן ה׳ אֱלֹקִים אֶת הַצֵּלָע. נָבוֹן וְיֵדָעֵם, זה הקב"ה, מַגִּיד מֵרֵאשִׁית אַחֲרִית. כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה׳ אלו דברי תורה, וְצַדִּקִים יֵלְכוּ בָם, כגון אבות העולם, וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם, זה נמרוד באברהם, ישמעאל ביצחק, עשו ביעקב

**דער מדרש זאָגט אין מדרש ילקוט** (סוף הושע, רמז תקלג), **דער ישמח משה** (האזינו, ד"ה מדרש ילקוט) **ברענגט אויף דעם מדרש.**

---

[ג] עיין לקמן אות יט והערה י.

[ד] וע"ע שם (ביצה טז:) דההוא סמיא דשכח פעם שנית להניח עירוב תבשילין, ואמר לו "פושע" אתה.

KolSatmar.com

**ס'שטייט אין ילקוט:**

**מִי חָכָם, זה הקדוש ברוך הוא, שנאמר** (משלי ג, יט) **ה' בְּחָכְמָה יָסַד אָרֶץ.**

**וְיָבֵן** [אֵלֶּה], **שנאמר, וַיִּבֶן ה' אֱלֹקִים אֶת הַצֵּלָע** (בראשית ב, כב).

**נָבוֹן וְיֵדָעֵם, זה הקדוש ברוך הוא, מַגִּיד מֵרֵאשִׁית אַחֲרִית** (ישעי' מו, י).

**כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה'** [אלו דברי תורה[ה], שנאמר פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים (תהלים יט, ט)].

**וְצַדִּקִים יֵלְכוּ בָם וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם,**

**- דעס** [הסיום דלהלן] **ברענגט ער נישט אין ישמח משה. -**

[וְצַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם, כגון אבות העולם, וְשָׁמְרוּ דֶּרֶךְ ה' לַעֲשׂוֹת צְדָקָה וּמִשְׁפָּט (וירא יח, יט)].

**וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם,** [אלו שמרדו עליהם], **זה נמרוד באברהם, ישמעאל ביצחק, עשו ביעקב** [עמלק ביהושע, פרעה במשה].

**יד**

מה שאמרו מִי חָכָם, זה הקב"ה, צ"ב מה משמיענו בזה ועל מה כוונתו

**ו) לכאורה איז דאָך אַ פלא וואָס ער הייבט דאָ אָן** [מִי חָכָם זה] **הקדוש ברוך הוא,** [מה משמיענו בזה, ועל מה כוונתו].

**טו**

**קושיא ז**

וגם צ"ב מה שממשיך ע"ה לומר: וְיָבֵן [מלשון בינה] שנאמר וַיִּבֶן ה' אֱלֹקִים אֶת הַצֵּלָע. דמה שייך לכאן הפסוק מבריאת חוה

**ז) און** [אויף] **וְיָבֵן זאָגט ער וַיִּבֶן אֶת הַצֵּלָע.**

[וגם זה פלא], **וואָס אַ שייכות האָט דאָס מיט דעם, דורכדעם איז הקדוש ברוך הוא וְיָבֵן** [מלשון בינה], **וועגן** [וַיִּבֶן] **אֶת הַצֵּלָע? ווי קומט דאָס אַהער** [ענין בריאת חוה, לענין חכמתו ובינתו יתברך, ומה שהוא מגיד מראשית אחרית]?

**טז**

**קושיא ח** - מתוך הדרוש

ח) [גם צ"ב הכוונה מה שמסיים המדרש וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם, זה נמרוד באברהם וכו'. דמשמע שנמרוד נכשל על ידי אברהם, וזה תמוה, ואינו מובן על מה כוונתו]. (הביאור בדברי רבינו באות נו)

**יז**

# ישוב הקושיות בהפטורת שובה

**מ'קען זאָגן, קודם וואָס ער זאָגט דאָ כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ** [קושיות ב-ד].

**יח**

**הקדמה לישוב קושיא ב - ד**

**ממה שאמרתי בפירוש הפסוק הוֹי מֹשְׁכֵי הֶעָוֹן בְּחַבְלֵי הַשָּׁוְא וגו'**

(עד אחר אות כט)

בגמרא דרשו מפסוק זה, דיצר הרע בתחילה דומה לחוט דק כקורי עכביש, ולבסוף דומה כחבל עב

**איך האָב שוין דאָס לאַנג געזאָגט[ו].**

**ס'שטייט אין פסוק** (ישעי' ה, יח) **הוֹי מֹשְׁכֵי הֶעָוֹן בְּחַבְלֵי הַשָּׁוְא וְכַעֲבוֹת הָעֲגָלָה חַטָּאָה[ז].**

---

[ה] וזה מתאים לפירוש המפרשים והגמרא (דלעיל אות ט), דקאי על דברי תורה. ועיין בדברי רבינו להלן אות לו.

[ו] בס"ג ויחי תשט"ז, עיי"ש באורך. וחזר על זה בס"ג ויחי תשכ"א, עיי"ש.

KolSatmar.com

זאָגט די גמראח, תחילת ווען מ'הייבט אָן צו זינדיגן איז עס נאָר [חַבְלֵי הַשָּׁוְא] ווי אַ חוט [של בּוּכְיָא, דהיינו קורי עכביש שהוא דק ונקרע מהרה], איז עס נאָך גרינג מִתְגַּבֵּר צו זיין. אָבער שפּעטער, אַז מ'ווערט מושרש בחטא, איז עס שוין כַּעֲבוֹת הָעֲגָלָה [כחבל עבה שקושרין בו את הַפָּרָה לְקָרוֹן או לְמַחֲרֵשָׁה], איז עס שוין שטאַרק, איז שווער מתגבר צו זיין.

**יט**

**קושיא ט**

והקשו על זה, דאם כן למה ברישא כשהוא דומה לחוט דק, אמר הכתוב הוֹי מֹשְׁכֵי "הֶעָוֹן" בְּחַבְלֵי הַשָּׁוְא, דהוא לשון מזיד, ובסיפא כשדומה לחבל עב אמר הכתוב וְכַעֲבוֹת הָעֲגָלָה "חַטָּאָה", דהוא רק לשון שוגג

פרעגט מען דאָך די קשיאט, תחילת ווען ס'איז נאָך אָנהייב [פון דעם] עָוֹן, ווען ס'איז נאָך "בְּחַבְלֵי שָׁוְא" איז דאָך עס נאָך שוואַכער דער חטא, וואָרן ער זאָגט דאָך תחילת איז עס אַמאָל [=בכל אופן] ווי אַ חוט, שפּעטער ווען ס'איז שוין כַּעֲבוֹתוֹת הָעֲגָלָה איז דאָך עס שטאַרקער.

און צום סוף, ביי חַבְלֵי הַשָּׁוְא שטייט מֹשְׁכֵי "הֶעָוֹן", רופט ער עס אָן עָוֹן, עָוֹן איז דאָך שטאַרקער, אַ מזיד.

"ובעבותות" העגלה, ווען ס'איז שוין אין גרויסן [דער חטא, כחבלים עבים], רופט ער עס אָן "חַטָּאָה". אַ "חטא" זאָגט דאָך די גמראי (יומא לו:), אַ חטא הייסט דאָך נאָר, ס'ווערט אָנגערופן אַ "שוגג".

**כ**

וכמבואר בגמרא יומא, דלשון "חטא" מורה על שוגג, ולשון "עון" מורה על מזיד

די עונות ופשעים, פושעים און מורדים, די גמרא (שם) זאָגט דאָך "פשעים" ווערט אָנגערופן איז טייטש די עונות "מזידין", און "חטאים" מיינט מען "שוגגין", [און] איבערדעם דאַרף מען דאָך קודם זאָגן "חטא" [שאומרים הסדר בנוסח הוידוי, חטאתי עויתי פשעתי], ווייל [ווען] ער איז זיך מִתְוַדֶּה אויף די "עונות", האָט ער [קודם] געדאַרפט זאָגן "חטאה", קודם איז דאָך שוגגין [שמתודה על השוגגין, וכשנמחל לו מִתְוַדֶּה על הפשעים דהיינו המזידים]יא.

[עד כאן בגמרא].

---

ז ופירש רש"י בישעי' שם: הוֹי מֹשְׁכֵי הֶעָוֹן. גוררים יצר הרע עליהם מעט מעט, בתחילה בחבלי השוא כחוט של קורי עכביש, ומשנתגרה בהם מתגבר והולך עד שנעשה כַּעֲבוֹת הָעֲגָלָה שקושרין בו את הקרון למשוך: הַשָּׁוְא. דבר שאין בו ממש: חֲטָאָה. חטא:

ח **בגמרא סוכה** (נב.): אמר רבי אסי, יצר הרע, בתחילה דומה לחוט של בּוּכְיָא [פירש"י: עכביש], ולבסוף דומה כעבותות העגלה [משאדם נמשך אחריו מעט, מתגבר והולך בון], שנאמר הוֹי מֹשְׁכֵי הֶעָוֹן בְּחַבְלֵי הַשָּׁוְא [בתחלה היו מביאין אותו עליהם על ידי חֲבָלִים שאינן של כלום] וְכַעֲבוֹת הָעֲגָלָה חַטָּאָה [חבל עבה, שקושרין בו את הַפָּרָה למחרישה].

ט **בס"ג ויחי תשט"ז** מזכיר רבינו שכן הקשה הכלי יקר [והוא בספרו עמודי שש (עמוד התורה פרק ב, ד"ה ובזה נראה לי) וז"ל: למה הזכיר תחלה לשון עון ואח"כ חטאה, איפכא מבעי ליה, כי העון היינו המזיד וחטאת היינו השוגג, שהרי היצר הרע מעליהו מן הקלות אל החמורות. (וגם תירוץ רבינו הוא קרוב לתירוצו עיי"ש)].

י **בגמרא יומא** (לו:) תנו רבנן, כיצד מִתְוַדֶּה, עויתי פשעתי וחטאתי וכו', דברי רבי מאיר. וחכמים אומרים, עֲוֹנוֹת אלו הזדונות, וכן הוא אומר (שלח טו, לא) הִכָּרֵת תִּכָּרֵת הַנֶּפֶשׁ הַהִוא עֲוֹנָה בָהּ, פְּשָׁעִים אלו המּוֹרְדִים וכו', לְכָל חַטֹּאתָם אלו השגגות, וכן הוא אומר (ויקרא ד, ב) נֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא בִשְׁגָגָה. - ומאחר שהתוודה על הזדונות ועל המרדים חוזר ומתודה על השגגות [פירש"י בתמיה, אם על זדונות ימחלו לו, אין צריך לבקש שוב על השגגות]. אלא כך היה מִתְוַדֶּה, חטאתי ועויתי ופשעתי לפניך אני וביתי וכו'. וכן נפסק **בשלחן ערוך** הל' יום הכיפורים (או"ח תרכא, ה) כדעת החכמים: סדר הוידוי, חטאתי עויתי ופשעתי. ומפרש **המגן אברהם** (ס"ק ה): "חטא" שוגג, "עון" במזיד, "פשע" מורד, וצריך לומר הקל תחילה.

יא עיין **בדברי יואל** למוצאי יום כיפור (אות פה).

## כא
## הקדמה לישוב קושיא ט

מכל חטא, או מחשבת חטא, ואפילו בשוגג, נברא מזה מלאך רע שמוליך אותו לחטוא יותר ח"ו

נאָר וואָס'זשע דען, דער אמת אַז מ'זינדיגט, זיי טייטשן דאָך אַלע, [דאָס טייטשן נאָך די פריערדיגע[יב], [בפירוש המשנה (אבות ד, יא) **העובר עבירה אחת**] **אַז מ'איז קונה לו קטיגור**, מ'באַשאַפט זיך, ס'ווערט באַשאַפן אַ "מלאך" [מן העבירה].

דער מהרש"א זאָגט דאָך אַזוי אין מסכת מכות[יג] [על דברי הגמרא] **בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו**, [הכוונה שרוצה לילך אפילו] פון דער "מחשבה" נאָר, - צום גוטן אָדער צום שלעכטן, - ווערט שוין באַשאַפן אַ מלאך, און דער [מוליך אותו, ער] פירט דאָס דורך, [ובמחשבת עבירה אותו המלאך] פירט אים אַריין אין עוֹן, ער זאָל עס דורכפירן.

## כב

והפרי מגדים חקר לומר דעל כן על העוונות האחרונים, אין האדם חייב בעצם, כי כבר הוא כאנוס לחטוא בזה רק שחייב עליהם מפאת "דינא דגרמי" כי מחמת העונות הראשונים שעשה בא לידי העונות האחרונים

דער **פרי מגדים** - אין **מתן שכרן של מצות** (חקירה א), איז דאָ פון אים אַ ספר[יד], - ער גאָר זאָגט דאָרטן אַ חקירה גאָר. [דכשאדם חוטא] אויף די שפעטערע עֲוֹנוֹת איז מען שוין גאָר אַן אוֹנֵס פון דעם מלאך מסית [שנברא מן העונות הראשונים, ולמה חייב גם בזה].

נאָר זאָגט ער, אַז מ'איז חייב [בהאחרונים] אַזוי ווי מדינא דְגַרְמִי, ווייל ס'איז בָּרִי הֶיזֵיקָא [מחמת עונות הראשונים], מ'האָט זיך עס אַליין אָנגעאַרבעט.

אָבער על כל פנים אין די שפּעטערע חטאים איז מען שוין אַריינגעפאַלן [ונשרש בחטא, וקשה לו להשמר מן החטא].

---

[יב] כן כתב בתומר דבורה (להרמ"ק, פרק א, מדה השנית), ועוד קדמונים.

[יג] **בגמרא** (מכות י:): אמר רב הונא אמר ר' אלעזר, מן התורה ומן הנביאים ומן הכתובים **בדרך שאדם רוצה לילך בה מוליכין אותו, מן התורה דכתיב** (בלק כב, יב) **לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם** וכתיב (שם, כ) **קוּם לֵךְ אִתָּם**, מן הנביאים דכתיב (ישעי' מח, יז) אֲנִי ה' אֱלֹקֶיךָ מְלַמֶּדְךָ לְהוֹעִיל מַדְרִיכְךָ בְּדֶרֶךְ [זו] תֵּלֵךְ, מן הכתובים דכתיב (משלי ג, לד) אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ וְלַעֲנָוִים יִתֶּן חֵן.

**ובמהרש"א** (שם): בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו כו'. עיין בזה במפרשים ואענה גם אני חלקי, דלא קאמר שמוליך אותו הקב"ה, אלא "מוליכין" אותו. והוא על פי מה שכתבנו בכמה מקומות, שכל מחשבה ודיבור ומעשה האדם, הנה הוא בורא לו מלאך לפי ענינו, אם לטוב אם לרע. ועל כן אמר **בדרך שאדם רוצה לילך**, שהרשות בידי האדם ממנו יתברך ב"ה, שהכל בידי שמים חוץ מיראת שמים (ברכות לג:), אבל כפי רצונו ודעתו של אדם **מוליכין אותו** אותן המלאכים הנבראים מאותו רצון ומחשבה אשר בו. ומייתי ראיה **מן התורה, דכתיב לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם**, שאמר לו הקב"ה כן, **וכתיב קוּם לֵךְ אִתָּם וגו'**, שרצונו ודעתו הרעה לילך אִתָּם הביא ששלח לו הקב"ה מלאך כרצונו ומחשבתו שאמר לו קוּם לֵךְ אִתָּם. ואמר דכתיב אנכי ה' אלקיך מְלַמֶּדְךָ לְהוֹעִיל וגו', כי כל מצותיו יתברך ב"ה אינו מלמדך רק להועיל ולטוב לך, אבל מַדְרִיכְךָ הוא מלאך שאתה מדריכו מַדְרִיכְךָ בְּדֶרֶךְ זו תֵּלֵךְ כפי דעתך ורצונך. ואמר דכתיב אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ וגו', רצונו לומר אם ללצים הוא מוסיף לו לץ, דהיינו מלאך, כפי ליצנותך, ואם לַעֲנָוִים הוא יִתֶּן חֵן לעצמו, מלאך של חן נגדו יתברך ב"ה.

[יד] בספר **מתן שכרן של מצות** [שיש בו שמונה חקירות על עניני שכר ועונש], מבאר הפרי מגדים (בחקירה א') שיש שלשה מיני יצר הרע, הא' הוא הכח שברא הקב"ה לנסות את האדם, הב' תאוות הגוף, הג' הוא המלאך רע שנברא מעבירה, וזהו שאומרים על חטא שחטאנו לפניך באונס וברצון, על חטא שחטאנו לפניך ביצר הרע, על חטא שחטאנו לפניך ביודעים ולא יודעים, כי אפילו בפעם שני ושלישי שכמעט אנוס הוא שהמשחית שברא מכריחו לכך, מכל מקום תחלתו ברצון הוה וחייב בדיני דְגַרְמִי [לכאורה כוונתו שאין לזה רק דין "גְרָמָא" הפטור בדיני אדם, רק שהוא כדין גַרְמִי], כי בָּרוּר הֶזֵּיקוֹ (עיין בקונטרס דינא דגרמי של הרמב"ן, ובהרא"ש בבא בתרא פרק ב סימן יז בשם ר"י). ולכן צריכין להתוודות גם על האונסין, דתחילתן ברצון היה. [ובחקירה ג' שם דן יותר באיזה אופן נבראים המלאכים של מצות ועבירות, עיי"ש].

KolSatmar.com

**כג**

**ובזה פירשתי מה שמבקשים אַל תִּזְכָּר לָנוּ עֲוֹנוֹת "רִאשׁוֹנִים" דייקא,**
**כי עיקר בקשת הסליחה צריך להיות על עוונת הראשונים שהם גרמו הכל**

**איך האָב שוין דאָס לאַנג געזאָגט**[טו] **מיט דעם פְּשַׁט** [אין] **וואָס מ'זאָגט, מ'בעט זיך נאָר** [בתהלים עט, ח. ובאמירת הסליחות] **אַל תִּזְכָּר לָנוּ עֲוֹנוֹת "רִאשׁוֹנִים"**, [והלא מידי יום ויום מוסיפים חטא על פשע, ומה זה שמבקשים רק בעד עוונות הראשונים].

[ופירשתי] **דער עיקר איז נאָר דער ערשטער עון, דעמאָלטס האָט מען זיך נאָך אין די הענט, איידער מ'זינדיגט,** [אמנם על העוונות האחרונים כבר אנחנו כמו אונסים ויש על זה איזה לימוד זכות, ולכן עיקר תפלתינו על עוונות הראשונים. ועל כן עיקר התשובה ובקשת הסליחה צריך להיות על העונות הראשונים דייקא].

**כד**

**ומלבד החילוק שעל עונות האחרונים לא היה כ"כ הבחירה בידו, מחמת המלאכים רעים שהכריחוהו לחטוא, מה שלא היה כן בעוונות הראשונים. יש עוד חילוק נוסף, דבעוונות האחרונים כבר היה לו "סמיות עינים" שלא לראות האמת, הנגרם לו מן העונות הראשונים, משא"כ קודם עונות הראשונים היה עדיין יכול לראות האמת**

**אָבער עקסטערדעם איז דאָך עס מְסַמֵּא עֵינַיִם, דער עון איז דאָך מְסַמֵּא עֵינַיִם, פאַרבלענדט דאָך די אויגן.** [אַזוי ווי] **ס'שטייט אין נועם אלימלך אין צעטיל קטן**[טז]**, אפילו אַז מ'ווייסט** [לומר הדין על נכון, מכל מקום] **די חטאות נעורים זענען מְסַמֵּא עֵינַיִם מ'זאָל** [נישט] **זען דעם אמת, מ'ווערט פאַרבלענדט, אין די תורה הקדושה איז מען נישט מְכַוֵּן אֶל הָאֱמֶת, אפילו מ'קען און מ'ווייסט, איז מען 'דאָך' נישט מְכַוֵּן אֶל הָאֱמֶת, ליגט אַ סַמְיוּת עֵינַיִם דורך די עֲוֹנוֹת.**

**כה**

**ומכל זה נמצא דְּבַעֲוֹנוֹת הָרִאשׁוֹנִים, אף שהיו עונות קלים, מ"מ הוא כמזיד, כי עדיין היה הבחירה וכח הראיה בידו. משא"כ בַּעֲוֹנוֹת הָאַחֲרוֹנִים אף שהם עונות יותר חמורים, אבל כבר נחשב על זה כשוגג, כי כבר היה מושרש בחטא ונסמו עיניו, והיה קשה לו לשמור מזה**

**קומט אויס, אַז ביי די ערשטע עונות, איידער מ'האָט נאָך געזינדיגט, ביים ערשטן מאָל, האָט מען נאָכנישט קיין פאַרשמירטע אויגן, מ'האָט נאָכנישט די מַלְאָכִים** [מסיתים] **אַרום זיך, דעמאָלטס האָט מען זיך נאָך אין די האַנט. און דעמאָלטס אַז מ'זינדיגט, איז מען אַ מֵזִיד, מ'קען נאָך אַלעס** [לראות האמת, ולהתגבר על החטא].

**שפּעטער צו, שפּעטער שוין, האָט מען זיך שוין נישט אין די האַנט, און מ'זעט נישט דעם אמת, און מ'ווייסט נישט. איז מען שוין אַזוי ווי אַ שוגג.**

**כו**

**והוא כעין מה שמצינו בגמרא דשגגת תלמיד עולה זדון, כי היה לו לידע שזה אסור.** [והרי דלפעמים השוגג נחשב כמזיד והמזיד כשוגג]

[וכעין זה מצינו] **די גמרא זאָגט** (בבא מציעא לג:) [בפירוש הפסוק] **וְהַגֵּד לְעַמִּי "פִּשְׁעָם" וּלְבֵית יַעֲקֹב "חַטֹּאתָם"**, [דאצל] **תלמידי חכמים** [הנקראים עַמִּי] **זענען די שְׁגָגוֹת כִּזְדוֹנוֹת, שגגת תלמיד עולה זדון, ער האָט געקאָנט וויסן דעם אמת, און** [אצל] **עם הארץ** [הנקאים בית יעקב] **זענען די זְדוֹנוֹת כִּשְׁגָגוֹת, ווייל ער ווייסט נישט. און אפילו וואָס ער ווייסט, פאַסט ער עס נישט אויף,** [ווייל] **ער איז פאַרבלענדט.**

---

[טו] שם בס"ג ויחי תשט"ז, ותשכ"א.

[טז] **בצעטיל קטן** (הנהגות האדם, אות א): וצריך להתפלל להשי"ת שיבא על האמת, כי חטאת נעורים של האדם, הראשון מְסַמִּין עיניו שלא יראה, אף שיכול לפלפל ולהגיד לאחרים דינו, אבל הוא בעצמו שוכח ולא מקיימם באמת, לכן צריך האדם להתחרט מאוד על עונותיו וכו'.

KolSatmar.com

## כז

### ישוב קושיא ט

ולכן אתי שפיר דברישא דקרא אמר הוי מֹשְׁכֵי "הֶעָוֹן" בְּחַבְלֵי הַשָּׁוְא, דאף שהוא עון קל הדומה לחוט דק, מ"מ הוא חמור בזה שהוא מזיד ממש. אבל בסיפא אמר וְכַעֲבוֹת הָעֲגָלָה "חַטָּאָה", דאף שאח"כ חוטא בעון חמור הדומה לחבל עב, מ"מ נחשב על זה כשוגג

איבערדעם זאָגט דער פסוק [הוי] מֹשְׁכֵי "הֶעָוֹן", דעמאָלטס איז עס אַ רעכטער עָוֹן [שהוא מזיד], ווילאַנג ס'איז נאָך בְּחַבְלֵי "הַשָּׁוְא", ווען ס'איז נאָך תחילת, ווען ס'איז נאָך דומה לחוט, ווען ס'איז נאָך שוואַך.

אָבער ווען ס'איז שוין כַּעֲבוֹתוֹת הָעֲגָלָה איז עס שוין "חֲטָאָה", איז מען שוין אַזוי, גאָר אַזוי ווי אַ "שוגג".

[עד כאן ממה שאמרתי כבר, בביאור הפסוק הוֹי מֹשְׁכֵי הֶעָוֹן בְּחַבְלֵי הַשָּׁוְא, והפסוק אַל תִּזְכָּר לָנוּ עֲוֹנֹת רִאשֹׁנִים].

## כח

היוצא לנו מזה כי אם חטא פעם אחת במזיד, נברא מזה כח המכריחו לחטוא יותר, ושוב אין לבו ברשותו, רק האדם ברשות לבו, וגם נופל לסמיות עינים, שזה גורם לו עוד כמה חטאים שנחשב לו בבחינת שוגג [ואנוס]

קומט אויס, אַז מ'האָט חלילה געזינדיגט במזיד, האָט מען שוין אַ כח המכריח אויף זיך, מ'איז שוין ברשות לבו, ס'איז נישט לבו ברשותו[י], מ'האָט נישט דאָס האַרץ, מ'האָט נישט די אויגן אין די הענט, מ'איז פאַרבלענדט, טוט מען שוין זייער אַסאַך עֲוֹנוֹת בשוגג.

נאָר אפילו ווען ס'איז מזידין, מ'ווייסט נישט וואו מ'האַלט.

## כט

והעצה הוא רק להתפלל לה' שימחול ויסלח לו, ושיזכה לסייעתא דשמיא
שיעזור לו הקב"ה לראות את האמת, ושיוכל להתאמץ לשפר מעשיו מכאן ולהבא

**וואָס דען איז די עצה?**

**נאָר סייעתא דשמיא!**

**אַז מ'בעט דעם באַשעפער** [שיוכל לראות האמת ולתקן מעשיו].

**מ'פאַררעכט, מ'זעט זיך מִתְאַמֵּץ צו זיין** [לשפר מעשיו מעכשיו].

און מ'בעט מחילה וסליחה אויף דעם וואָס מ'ווייסט יאָ אַז מ'האָט געזינדיגט.

וועט מען געוואָר ווערן דערנאָך [פון] אַזעלעכע חטאים וואָס מ'האָט עס נישט דערפריער געוואוסט, [ווייל] מ'איז געווען פאַרבלענדט. [דכשעושים תשובה] ווערט מען געוואָר הערשט וואָס מ'זינדיגט, [וממילא יכולין לתקן ולשוב גם על אלו הדברים].

## ל

### ישוב קושיא ב

וזהו שנאמר כִּי "כָשַׁלְתָּ" בַּעֲוֹנֶךָ, שע"י העון הראשון שהוא מזיד, בא לידי "כשלון" ושוגג בעוד הרבה חטאים

קומט אויס, פאַרשטייט מען [דעם לשון] כִּי "כָשַׁלְתָּ" בַּעֲוֹנֶךָ.

ווייל מ'האָט קודם געהאַט "עֲוֹנוֹת" מזידין, דערנאָכדעם פאַלט מען אַריין אין "מכשולות", אין שגגות טאַקע, ווייל מ'ווייסט נישט, מ'ווערט פאַרבלענדט מ'ווייסט נישט דעם אמת, מ'האָט שוין איבער זיך אַ כח המכריח, די מלאכים וואָס מ'האָט באַשאַפן מיט די חטאים, [ולזה אמר] כִּי "כָשַׁלְתָּ" בַּעֲוֹנֶךָ.

---

[י] וכמבואר בבראשית רבה (לד, י): הרשעים הן ברשות לבן, שנאמר וכו', אבל הצדיקים לבן ברשותן וכו'.

### לא

איבערדעם איז רעכט איז דאָסביידע אמת, קודם איז געווען "עֲוֹנֶךָ", ווען מ'האָט געזינדיגט [בהתחלה, שאז הוא בבחינת מזיד כיון שהיה לו הבחירה בשלימות], דערנאָך, די שפּעטערע עבירות, זענען "כָשַׁלְתָּ", שוין מכשולות, ווערט מען שוין נכשל בְּיוֹדְעִים וּבְלֹא יוֹדְעִים.

### לב

**ביאור לשון הוידוי: בְּיוֹדְעִים וּבְלֹא יוֹדְעִים**

כי בתחלה עדיין ידע שהוא חטא, אבל אח"כ נפל לסמיות עינים ושוב נכשל בחטאים בבחינת בלא יודעים

[ועל זה אנו מִתְוַדִּים] **עַל חֵטְא שֶׁחָטָאנוּ לְפָנֶיךָ בְּיוֹדְעִים וּבְלֹא יוֹדְעִים.**

קודם האָט מען 'געוואוסט' נאָך, האָט מען נאָך געהאַט אַ 'ידיעה' אַז ס'איז אַן עָוֹן, און מ'האָט 'דאָך' געטון [וזהו "בְּיוֹדְעִים"], דערנאָכדעם ווייסט מען שוין ניטאַמאָל [וזהו "בְּלֹא יוֹדְעִים"], נאָר מ'איז שולדיג [מפאת דינא דגרמי גם על האחרונים] ווייל מ'האָט זיך נישט אַכטונג געגעבן פון פריער [אצל עונות הראשונים].

### לג

**[ישוב קושיא ד]**

וזה שאמר הכתוב שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל "עַד ה' אֱלֹקֶיךָ", כי לאחר שחטא אי אפשר לשוב ולהזהר מן החטא, רק ע"י עזר ממרום

איבערדעם זאָגט דער פסוק שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל, זאָלסט תשובה טאָן עַד ה' אֱלֹקֶיךָ, נאָר מיטן באַשעפער.

[והכוונה כי] מ'דאַרף ממשיך זיין [עזר ממרום], מ'דאַרף סייעתא דשמיא אַז מ'זאָל צוקומען צו תשובה שלימה, מ'זאָל וויסן 'וואָס' מ'ברויך תשובה צו טאָן.

### לד

**ישוב קושיא ג**

ועל זה אמר בנתינת טעם "כִּי" כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ, שכבר נפלת לידי חטאים בדרך שוגג ואונס, ועל כן א"א לשוב רק ע"י תפילות ותחנונים לה' אלקיך, שתזכה לסייעתא דשמיא שתוכל לשוב, ושיאירו עיניך לידע מה שצריך לתקן

זאָגט ער פאַרוואָס [אין יכול לידע זאת מעצמו], "כִּי" כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ, ווייל דורך די "עונות" איז מען אַריינגעפאַלן אין "מִכְשׁוֹלוֹת", וואָס מ'ווייסט נישט.

איבערדעם מוז מען, איבערדעם איז די תשובה נאָר מיט תפילות צום באַשעפער אַליין. [אַז] דער בורא כל עולמים זאָל מֵאִיר עֵינַיִם זיין, מ'זאָל וויסן וואָס מ'ברויך אַלץ צו פאַרעכטן.

אַז מ'וויל באמת מתקן זיין, און תשובה טון אויף די עֲוֹנוֹת וואָס מען ווייסט, קאָן מען צוקומען צו סייעתא דשמיא אַז מ'זאָל געוואָר ווערן אַסאַך עֲוֹנוֹת וואָס מ'האָט נישט געוואוסט פריער, [ולשוב עליהם ולתקנם].

### לה

**ישוב קושיא ה – אופן א**

ועל דרך זה יובן גם הפסוק שבסוף ההפטורה, "וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ" בָם, שאם חטא תחילה "בפשיעה", שוב בא אח"כ לידי סמיות עינים ונופל לחטאים אחרים בבחינות שעליהם הוא כבר בבחינת כשלון ושוגג

מיט דעם פאַרשטייט מען שוין דעם פסוק, דעם 'אויספיר'[יח] "וּפֹשְׁעִים" "יִכָּשְׁלוּ" בָם, אַז מ'איז געווען חלילה מ'איז געווען אַ "פושע", מ'האָט געזינדיגט [תחילה בפשיעה], דערנאָכדעם פאַלט מען שוין אַריין אין אַסאַך עונות על ידי "מכשול" וואָס

---

[יח] בסוף ההפטורה שהוא גם סוף דברי הושע הנביא בספרו.

מ'ווייסט שוין נישט, פאַלט מען אויך אַריין דערינען, ווערט מען שוין נכשל דערנאָכדעם [בחטאים וואָס] מ'איז שוין ניטאַמאָל משיג, מ'פאַרשטייט שוין ניטאַמאָל וועלכעס איז דער עון.

### לו
### ישוב קושיא ה – אופן ב

ועוד י"ל לפי פירוש המפרשים דכל הפסוק כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה' וגו' וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם, קאי על דברי התורה, שהפושעים נכשלו בהם להוציא פשטים זרים מדברי התורה

**נאָר** [לפי מה שהבאנו לעיל (אות ט) נמצא] ס'גייט טאַקע אַרויף אויף דברי תורה, [דער פסוק וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם. וכדברי הילקוט ברישא דקרא] **כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה' אלו דברי תורה**, ס'גייט דאָך אויך אויף די תורה הקדושה.

**צַדִּקִים יֵלְכוּ בָם**, צדיקים גייען מיט די תורה הקדושה, זיי זעען דעם אמת אין די תורה הקדושה, די תורה הקדושה פירט זיי אויפן ריכטיגן וועג.

[אָבער] **פוֹשְׁעִים** איז **יִכָּשְׁלוּ "בָם"**, 'אין' די תורה הקדושה זענען זיי **מְגַלֶּה פָּנִים בַּתּוֹרָה שֶׁלֹּא כַּהֲלָכָה**, און זיי זעען דעם היפוך [כוונת האמת] אין די תורה הקדושה, דאָרט אַליין זעען זיי דעם היפוך.

### לז

ואם כן לשון "יִכָּשְׁלוּ" קאי על זה גופא שהם נתקלים בדברי התורה [ואין זה מענין לשון שוגג או מזיד]

איז **יִכָּשְׁלוּ "בָם"** גייט אַרויף אויף די תורה הקדושה[יט], [כמו שאמר ברישא דקרא כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה' [אלו דברי תורה. והכוונה כי] אין די תורה הקדושה, דאָרט אַליין ווערן זיי נכשל, זיי מיינען גאָר טאַקע אַזוי [בפירושי התורה] 'איבערגעקערטע' פְּשָׁטִים.

### לח

ועל דרך שכתב בחובת הלבבות דהגיע היצר אפילו ברוב אנשי התורה,להיות אומרים לרע טוב ולטוב רע

**אַזוי ווי דער חובת הלבבות**[כ] זאָגט, אַז רוב וועלט - **אפילו רוב בעלי התורה** - זעען **דעם 'היפוך'** [פונעם אמת] **אין די תורה הקדושה, ואֹמְרִים לָרַע טוֹב וְלַטּוֹב רָע** (ישעי' ה, כ), **לולא יחידי סגולה וואָס זענען מאיר עינים** [לכל אנשי הדור], **וואָס זיי האָבן מאיר עינים געוועזן בכל דור ודור.**

---

[יט] ונמצא שלשון "יִכָּשְׁלוּ" אינו מתפרש על מעשה עבירה שוגג או מזיד, רק הכוונה מלשון תקלה, שהם נתקלים בדברי התורה להביא משם ראיה לסברתם שהוא היפוך האמת. ולדרך זה שוב לא יוקשה קושיא ה.

[כ] **בחובת הלבבות** (שער הפרישות, פרק ב) כתב בענין הגברת התאוה על השכל וזל"ק (במקוצר): **חשבו דרכו הרעה כי היא הטובה** וכו' ותועים במצולות הַסִּכְלוּת וכו' ומבקשים גמול העובדים במעשה העוברים, כמו שאמרו חכמינו ז"ל (סוטה כב:) עושים מעשי זמרי ומבקשים שכר כפינחס. **וכאשר הגיע היצר 'ברוב אנשי התורה' אל מה שסיפרנו**, נצטרכנו לעמוד כנגדו בפרישות המיוחדת וכו' ולהתייצב לפניו בה, עד אשר תשיבם אל גדר הנכונה הַתּוֹרִיָּה, אשר בה תקנת האמונה והעולם. והיה בדין בעבור זה, שיהיו באנשי התורה אנשים יחידים נושאים הפרישות המיוחדת ומקבלים תנאיה להועיל בה 'אנשי התורה' וכו', ויהיו רופאים לאמונה ולנפשות וכו', ואם יבואו אליהם חולה האמונה או דוה נפש מִמַּדְוֵי הספקות, ימהרו להעלות לו ארוכה באמתת חכמתם וכו'. והם דומים בעולם לְשֶׁמֶשׁ, שפושטת אורה בעולם וכו'. וכן אלה היחידים כמו שכתוב (בראשית יח, כו) וְנָשָׂאתִי לְכָל הַמָּקוֹם בַּעֲבוּרָם, ואמר (תהלים קו, כג) לוּלֵי מֹשֶׁה בְחִירוֹ [עָמַד בַּפֶּרֶץ לְפָנָיו] וכו'. ועל המנהג הזה בפרישות, תמצא הנביאים עליהם השלום, וחסידי קדמונינו בכל דור ודור.

ועיין **בויואל משה** (ג, לט) שהביא רבינו חלק מלשון חובת הלבבות וסיים עליו וז"ל: יעיי"ש באריכות דבריו ז"ל 'הקדושים והנוראים', המבואר בדבריו ז"ל שגם ברוב אנשי התורה מתגבר יצרם עליהם להטות לבבם מדרך האמת והישרה, ואך יחידים שבדור המאירים לבבות אנשי התורה. ואותן שלא תקנו מדותיהם ונקודת לבבם, שחושבים דרכם הרעה כי היא הטובה ותעותם כי היא הישרה, לא שייך בזה חזקת כשרות וכו' (עיי"ש עוד). - וע"ע בקונטרס על הגאולה (סו"ס קכ).

לוּלֵי מֹשֶׁה עָמַד בַּפֶּרֶץ לְפָנָיו (תהלים קו, כג) טייטשט ער מיט דעם. אַז ער [משה] איז געשטאַנען [והאיר לכל הדור], **לוּלֵי מֹשֶׁה בְחִירוֹ עָמַד בַּפֶּרֶץ לְפָנָיו.**

[וכן בכל דור היו צדיקים] וואָס זיי האָבן מאיר עינים געווען, מ'זאָל זען דעם אמת אין די תורה הקדושה.

**לט**

**ישוב קושיא ו**

דברי המדרש מי חכם זה הקב"ה, שבחכמה יסד ארץ. הכוונה על מה שכבר ראה את הנולד, מראש הבריאה, מה שיהיה תכלית הבריאה לעתיד

אפשר איז דאָס דער פְּשַׁט אין **מדרש** [דלעיל], **מִי חָכָם זה הקדוש ברוך הוא,** [שנאמר] **ה' בְּחָכְמָה יָסַד אָרֶץ.**

[והוא על דרך] **איזהו "חכם" הרואה את הנולד,** [כמו שאמרו בגמרא (תמיד לב.), דהיינו שיודע מה שעתיד להוולד מזה.

וקאי על מה שהקב"ה כבר ראה מתחילת הבריאה, את תכלית הבריאה שיהיה רק לעתיד, שאז ימלא כבוד ה' את כל הארץ, ויתגלה כבוד מלכותו יתברך אף בעולם השפל].

**מ**

דבאמת תכלית הבריאה יהא ניכר רק לעתיד, אבל כיום שרוב העולם נופלים בדרכים שאינם אמתיים ובשפלות המצב, אינו מובן תכלית הבריאה, מה שלכבודו ברא יצר אף עשה

[דהנה] **דער אמת, דער "תכלית הבריאה" וועט אַרויסקומען שפּעטער, ווען ס'וועט זיין דער עולם התיקון.**

**וואָרן היינט זעט מען דאָך נישט דעם תכלית הבריאה.**

**בעוונינו הרבים רוב וועלט פאַלט דאָך אַריין** [בדרכים שאינם אמיתיים, און] **בכלל דעם שפלות התורה און דעם שפלות המצב. איבערהויפּט אין די לעצטע דורות.**

[וממילא] **פאַרשטייט מען דאָך נישט דעם תכלית** [הבריאה כהיום].

**מא**

אבל לעומת זה אין לשער גודל התיקון הנעשה בכל העולמות, ע"י היגיעה שאיש ישראל מייגע עצמו בתורה ומצות, בעולם השפל שבזמן הזה

**אָבער** [לעומת זה] **דער אמת, קאָן קיינער נישט מְשַׁעֵר זיין דעם גוֹדֶל הַתִּקּוּן וואָס מ'טוט, אַ איד וואָס איז זיך יאָ מְיַגֵּעַ בתורה ומצות.**

**וויפיל מ'טוט דעם רצון הבורא ברוך הוא בעולם הזה,** [אין לשער ולהשיג] **וואָס דאָס טוט אויף בעולם העליון.**

**דאָס איז דאָך למעלה מהשגה, ווי ווייט דאָס ברענגט** [באמת] **אַ תכלית.**

**מב**

ועל כן אף שעיקר "התיקון" יתגלה רק לעתיד, שכולם ידעו את ה', ולא יתעסקו בשום דבר זולת לעבוד את ה'. מ"מ גם התיקון דלעתיד בא ע"י "היגיעה" בעבודת ה' שעושין עתה בזמנים השפלים, שזהו עיקר חשיבות העבודה, כי לעתיד לא יהיה בזה שום רבותא

**און דער עיקר** [תכלית הבריאה] **איז, ווען ס'וועט זיין דער עולם התיקון, ס'וועט** [זיין] **מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה** (ישעי' יא, ט) **וכוּלָּם יֵדְעוּ ה'** (ירמי' לא, לג)**, יעדער וועט טאָן דעם רצון הבורא ברוך הוא, ס'וועט גאָרנישט זיין עפּעס אַנדערש, דאָס איז דער עיקר "תכלית"** [הבריאה].

**אָבער דאָס אַלעס קומט דורך דער "יגיעה" וואָס מ'איז זיך מְיַגֵּעַ אין די שָׁפָל'דיגע צייטן!**

KolSatmar.com

**ווָארן דאָס איז דער עיקר חשיבות, אַז מ׳איז זיך מְיַגֵּעַ און מ׳האָט די זכיה און מ׳קאָן טאָן דעם רצון הקדוש ברוך הוא "אין דעם שפלות".**

**דעמאָלטס** [לעתיד לבא] **ווערט עס גאָרנישט זיין קיין שום רְבוּתָא** [לעבוד את ה׳].

**אָבער** [עם כל זה] **דער "תכלית" בריאת העולם ווערט דעמאָלטס אַפּירקומען, דער רעכטער תיקון** [העולם][כא].

**מג**

ועל זה נאמר ה׳ "בְּחָכְמָה" יָסַד "אָרֶץ", כי הקב״ה יסד את "הארץ" השפל הלזו על שם התכלית דלעתיד לבא, בבחינת "חכם" הרואה את הנולד

**איבערדעם,** [על דרך] **איזהו חכם הרואה את הנולד,** [אמרו במדרש ילקוט מִי "חָכָם" זה הקדוש ברוך הוא, שנאמר] **ה׳ "בְּחָכְמָה" יָסַד "אָרֶץ",** [כי הקב״ה יסד את ׳הארץ׳ השפל הלזו על שם העתיד,] **אויף דעם תכלית וואָס ס׳ווערט זיין שפּעטער** [בזמן עולם התיקון].

(ראה גם להלן אות נא)

---

[כא] וזה לשון קדשו של רבינו בס״ג תרומה תשי״ז: **יעדע תנועה פון תשובה קאָן מען גאָרנישט שאַצן דאָס תועלת, הגם מ׳האָט נישט אויפגעטאָן אויפ׳ן פלאַץ, פונדעסטוועגן ווייסט מען נישט ווי ווייט ס׳ברענגט, אַמאָל** [מגיע זמן וואָס דעמאָלטס] **קומט דאָס אַלעס צוניץ וכו׳, על כל פנים וויפיל מען פאַררעכט קאָן מען נישט משיג ומשער זיין דאָס גרויסע תועלת.**

איבערהויפּט אונז האָף מיר דאָך, מ׳ווערט אַמאָל זוכה זיין אַ צייט וואָס מ׳ווערט טאָן תשובה שלימה, דער אייבירשטער זאָל העלפן מ׳זאָל מיר זוכה זיין בקרב צו די ישועה שלימה, מ׳זאָל מיר זוכה זיין צו זען ווען אידן וועלן געהאָלפן ווערן וכו׳, [ממילא] ווער ס׳ווערט דאָס זוכה זיין, דער ווערט דאָך זיכער טון תשובה שלימה, ס׳וועלן קומען אליהו און משיח מיט׳ן גאַנצן כלל ישראל, [און] דער וואָס ער איז ראוי, ווערט דאָך טון תשובה שלימה [בעת הגאולה]. ממילא ווערט דאָס צוניץ קומען [למפרע] **דאָס אַלעס וואָס מ׳האָט געטון היצטערט, יעדע תנועה פון תשובה וואָס מ׳האָט געטון אין די שווערע זמנים, אין די ימי הנסיון, יעדע תנועה, קאָן מען נישט וויסן ווי ווייט דאָס ווערט** [לעתיד] **צוניץ קומען.**

**ווי גרויס חרטה ווערט מען האָבן אַז מ׳האָט אַוועקגעלאָזט ׳דעם׳ זמן! אפילו ווי וויניג ס׳איז, אָבער דורך די גרויסע נסיונות און די שווערע צייט איז אַלעס חָשׁוּב ביים בורא כל עולמים.** [ואז יכירו] **וואָס אַ גרויס חשיבות דאָס האָט, וואָס פאַר אַ גרויסער אֲבַדוֹן איז אַז מ׳פאַרלירט ׳די׳ צייט, "דאָס" איז די צייט** [וואָס] **דעמאָלטס איז עֵת לַעֲשׂוֹת לַה׳, טייטשט דער ירושלמי** (סוף מס׳ ברכות), **אַז ס׳איז הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ, אַז מ׳איז אין אַ דור וואָס ס׳איז הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ, איז עֵת לַעֲשׂוֹת לַה׳, היצט איז די צייט, וואָס מ׳טוט** [היצט] **פאַר׳ן בורא כל עולמים איז זייער גרויס. איז דען נאָך געווען אַזאַ דור וואָס ס׳זאָל זיין אַזוי הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ אין יעדן ענין, פון אַלע עבירות? היצט אין דעם זמן זוכט דער בורא כל עולמים אַ שטיקל תנועה - אַן אֱמֶת׳דיגע תנועה - פון יעדן איד.**

ווי זיי זאָגן דאָס משל, אַ מלך איז בַּשִּׁבְיָה, אַ מלך איז אין געפענגעניש, ווער ס׳נעמט אים דעמאָלטס אַריין און מ׳איז אים מקרב, דאָס געדענקט מען אייביג, דער מלך קומט דאָך נאָך צוריק למלכותו, זוכט מען אַפיר דעם מענטש, דער וואָס האָט אים מקרב געווען ווען דער מלך איז געווען אין געפאַנגענשאַפט. ווען דער מלך זיצט עַל כִּסֵּא מַלְכוּתוֹ בְּבֵית הַמַּלְכוּת, איז נישט קיין חשיבות אַז מ׳האָט מורא פאַר׳ן מלך, אַז מ׳איז אים מקרב, מ׳איז ניטאַמאָל זוכה צו דעם ער זאָל האָבן דעם מלך אין שטוב, דער מלך איז אויף זיין פלאַץ.

אַזוי קען מען זאָגן איז היינט אויך דאָס זעלבע. ווען דער בורא כל עולמים האָט געהאָלפן אין בית המקדש, ווען אידן זענען געווען שְׁרוּיִים עַל אַדְמָתָם און כְּבוֹד הַשְּׁכִינָה איז געווען מָלֵא עַל כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ, איז נישט געווען אַזאַ חשיבות אַז עמיצער האָט זיך מְקָרֵב געווען צו די שכינה הקדושה.

אָבער היינט, אַז ס׳איז שְׁכִינְתָּא בְּגָלוּתָא, אין געפאַנגענשאַפט, וואָס די וועלט האָט זיך אַזוי מְרַחֵק געווען פון דרך ה׳, און מ׳איז פונה צו די אַלע זאַכן אֲשֶׁר שָׂנֵא ה׳, די וועלט האָט זיך אַזוי מְרַחֵק געווען, ממילא איז אַ גרויס חשיבות. מ׳זאָל מיר נישט פאַרלאָזן די צייט וואָס דער מלך איז בַּשִּׁבְיָה און זוכט התקרבות. ווער ס׳איז זיך מתקרב צום מלך, ווער ס׳נעמט אַריין, ער איז זיך מייחד די מחשבה צום בורא כל עולמים. **ווי וואויל ווערט זיין** [פאַר] **די אידן וואָס מ׳ווערט קענען זאָגן, אַז "די האָבן מקרב געווען דעם מלך אין די צייט פון שִׁבְיָה".**

אָבער להיפך חלילה, אַז מ׳ווערט קענען זאָגן ווען מ׳איז געווען אין געפאַנגענשאַפט מ׳האָט זיך נישט אומגעקוקט, מ׳איז מיטגעגאַנגען מיט די אַלע שֶׁבָּאִים [פאַנגערס], די אַלע וואָס זענען מסית ומדיח. חלילה אַז מ׳איז נאָך מסייע די מסיתים ומדיחים, קעגן רצון הבורא ברוך הוא, אוֹי לְאוֹתָהּ בּוּשָׁה אוֹי לְאוֹתָהּ כְּלִמָּה!, ווי גרויס זענען די נסיונות. על כל פנים ווערט דאָס אַלעס צוניץ קומען דעמאָלטס ווען דער בורא כל עולמים ווערט העלפן פאַר אידן.

KolSatmar.com

**מד**

**הקדמה לישוב קושיא ז (אופן א)**

**[וממשיך המדרש לזה], וְיָבֶן זה הקדוש ברוך הוא, [שנאמר] וַיִּבֶן ה' אֱלֹקִים אֶת הַצֵּלָע.**

**מה**

בגמרא מבואר דהקטנה מגיעה לעונת נדרים ולחיוב המצות, שנה אחת קודם לקטן. והטעם דבינה יתירה ניתן לאשה, דכתיב "ויבן" ה' אלקים את הצלע

**[ויובן בהקדם וואָס] ס'שטייט, די גמרא זאָגט - די גמרא זאָגט עס[כב], און דער מדרש אויך[כג] - קטנה בת י"א שנה נדריה נבדקין, און ביי אַ זכר אַ קטן איז הערשט אַז ס'איז י"ב שנה ויום אחד .. ,**

**זאָגט די גמרא [מאי טעמא, דכתיב "וַיִּבֶן" ה' אֱלֹקִים אֶת הַצֵּלָע], 'בינה' יתירה נתן הקדוש ברוך הוא לאשה, בינה יתירה, [ולכן הקטנה] קומט שוין פריער צו דער הַבָּנָה, בת י"א שנה [נִדְרֶיהָ נִבְדָּקִין, און] זי איז שוין מחוייב בְּמִצְוֹת ביי די י"ב שנה.**

**ער טייטשט דעם וַיִּבֶן ה' אֶת הַצֵּלָע (בראשית ב, כב), וַיִּבֶן לשון בִּינָה.**

**מו**

והקשו היפ"ת ונזה"ק דלכאורה אומרם בינה יתירה ניתן לאשה, סותר לכמה מאמרים דמבואר דנשים דעתן חלוש משל אנשים

**דער נזר הקודש [בשם יפה תואר] פרעגט [על זה], לכאורה איז דאָך עס גאָר אַ סתירה [לשאר מקומות בדברי חכז"ל, מה שאמרו שנתן לאשה] בינה יתירה, [שהרי] איבעראָל שטייט דאָך פאַרקערט, [וכגון מה שאמרו] נשים דעתן קלות (קידושין פ:), ער ברענגט כמה גמרות וואָס מ'זאָגט [אַז] ס'איז אַ שוואַכערער דַעַת, פון אַן אשה, און ביי בָּנִים איז אַ שטאַרקערער דַעַת, ביי זכרים.**

**מז**

ומתרצים כי באמת נשים דעתן קלות, רק שהדעת שיש להם, מקדים לבוא באשה מבאיש, ועי"ז אמרו דבינה יתירה ניתן להם

**זאָגט דער נזר הקודש[כד] [בשם היפה תואר, אַז] ס'קען זיין אַזוי.**

**'שפּעטער' ווען דער דַעַת קומט, איז עס שטאַרקער ביי בָּנִים ווי ביי בָּנוֹת. נאָר וואָס דען, אָבער ביי בָּנוֹת קומט עס 'פריער', דעם דַעַת וואָס זיי האָבן, דעס קומט פריער, איבערדעם איז [מה שאמרו] בינה יתירה [ניתן להם יותר מבאיש, הכוונה שהבינה שלהם 'מקדים לבא' מבאיש].**

**איבערדעם איז די הלכה אַזוי, אַז ביי קטנה מבת י"א שנה איז שוין נדריה נבדקין, מ'איז שוין מחוייב [במצות בבת י"ב], און די נדרים זענען שוין נדר [מבת י"א],**

---

[כב] **במשנה** (נדה מה:): בת אחת עשרה שנה ויום אחד, נדריה נבדקין. בת שתים עשרה שנה ויום א', נדריה קיימין וכו'. בן שתים עשרה שנה ויום אחד, נדריו נבדקין. בן י"ג שנה ויום אחד, נדריו קיימין. **ובגמרא שם**: אמר רב חסדא מאי טעמא וכו', דכתיב וַיִּבֶן ה' אֱלֹקִים אֶת הַצֵּלָע, מלמד שנתן הקדוש ברוך הוא בינה יתירה באשה יותר מִבָּאִישׁ.

[כג] **במדרש רבה** (בראשית יח, א): **וַיִּבֶן ה' אֱלֹקִים אֶת הַצֵּלָע.** רבי אלעזר בשם רבי יוסי בן זמרא אמר, ניתן בה בינה יותר מן האיש, דתנינן בת י"א שנה ויום אחד נדריה נבדקין וכו'.

[כד] **בנזר הקודש** (על הב"ר שם): כתב היפה תואר וז"ל, אי אפשר לומר דאיכא פלוגתא בהא מילתא, שהמפורסם שבינת אדם יתירה, ודעתן של נשים קלה, כדאיתא בכמה דוכתי (עי' שבת לג:). ובשלהי מנחות (קי.) אמרינן, הָבִיאִי 'בָנַי' מֵרָחוֹק (ישעי' מג, ו), אלו גליות של בבל שדעתן מיושבת עליהם "כְּבָנִים", 'וּבְנוֹתַי' מִקְצֵה הָאָרֶץ (שם), אלו גליות של שאר ארצות שאין דעתן מיושבת עליהן "כְּבָנוֹת". ויש לומר דמה שאמרו ניתן בה בינה יותר מן האיש, היינו למהר זמנה, שהאשה תבא לכלל דעת הראוי בחיקה, בקירוב זמן מהאיש, והא כדאיתא, ולכן ימהר זמן בדיקת נדרי אשה לאיש וכו', עכ"ל. - [ועיין שם בנזה"ק שמתרץ עוד לחלק בזה בין בינה ובין חכמה ודעת].

KolSatmar.com

ס'האָט שוין דעם דין, ווייל ס'קומט פריער [דעתם. משא"כ בקטן נדריו נבדקין מבן י"ב, ומחוייב במצות מבן י"ג].

**מח**

וההסבר בזה יש לומר כי הא בהא תליא, דיען שהנשים אין דעתם חזקה כ"כ, ואין חכמה לאשה אלא בפלך, ולא בחכמת התורה, לכן ממהרת דעתם לבוא. משא"כ באיש שיסודות החכמה שלו תלוי בחכמת התורה, שעל זה יש התגברות היצר וצריכין לעמול על זה יותר, על כן מתאחרת דעתם לבוא

**דאָס ענין דערפון פאַרוואָס** [איז אַזוי, אַז זיי האָבן אַ שוואַכערע דַעַת, אָבער ס'קומט פריער], אַ הסבר [דערויף] קאָן זיין.

[ווייל] **דער כלל איז, דאָס ריכטיגע קומט שווערער, ס'איז דאָ התְגַבְּרוּת** [היצר] **דערויף. נישט אַזוי לייכט קומט מען צי צו דער אֱמֶת'דיגער הֲבָנָה.**

**איבערדעם, וואו ס'איז** [דאָ] **"חכמת התורה", איז דאָך זייער גרויס** [החשיבות, ולכן יש] **אַ גרויס התגברות פון די מקטריגים, און דער שטן איז מתגבר** [לעכב זה, ורק] **מיט גרויס יגיעה קומט מען צו** [דערצו].

אָבער [ביי] "אַנדערע התחכמות" איז זיך נישט מתגבר דער יצר הרע [דערקעגן], איז נישטאָ קיין מקטריגים.

**מט**

[כי באמת] **דער "גאַנצער עמידת העולם"** [השפל הזה], **איז דאָך דערקעגן די "תורה הקדושה"**. אָבער "אַנדערע חכמות" זענען דאָך מַתְאִים [מיט] די עניני העולם[כה].

**ווי דער חתם סופר** איז מסביר[כו], אַז די **תורה הקדושה פאַרגעסט מען זייער שנעל**, [מה שאין כן] **אַנדערע זאַכן פאַרגעסט מען נישט**, ווייל ס'דערהאַלט זיך גיכער אין דעם **גוף השפל**, אין דעם **עולם השפל**, אַנדערע ענינים דערהאַלטן זיך.

אַזוי איז ער מסביר אין **פרשת שמות**. אַז די חכמת התורה האַלט זיך דאָ שווער, [ווייל] אין 'דעם עולם' אין 'דעם שפלות' אין 'דעם גוף' [קשה לדבר קדושה שיתחבר עמו], איבערדעם פאַרגעסט מען עס שנעלער.

---

[כה] ועיין **בחובת הלבבות** (שער עבודת האלקים, פרק ב) שמבאר הצורך המביא שיצטרך הנפש הערת התורה לעוררה לעבודת ה', ואין די בהערת השכל לבד, וז"ל: מפני שההערה התקועה בשכל נחלשת משלשה פנים, התחייבנו לחזקה בהערה התוריה. והאחד מהשלשה פנים הוא - מפני שנברא האדם מדברים שונים זה מזה, וטבעים מתגברים זה על זה וכו' [עיי"ש]. והשני - שהשכל הוא עצם רוחני נגזר מן העולם העליון הרוחני, והוא נכרי בעולם הגופים העבים, והתאוה אשר באדם מחוברת מכחות הטבע ומזגי היסודות, והיא בעולם יסודה ומעון שרשה, מושכים אליה המאכלים כח ומחזקות אותה ההנאות הגופיות. והשכל, מפני שהוא נכרי, אין לו מחזק ולא חבר, והכל כנגדו, ומן הדין היה שיחלש, ונצטרך לדבר שידחה בו מעליו גובר התאוה ושיחזקהו עליה, והיתה התורה רפואה לחלי כזה מחליי הנפשות ומדוי המידות. ועל כן תמצא התורה מזהרת מהרבה מאכלים ולבושים וכו' ומעשים שהם מחזקים כח התאוה. וכן היא מצווה במה שהוא עומד כנגדה מהדברים שהם הפכה, והם: התפילה, והצום, והצדקות, וגמילות חסדים, ולהחיות בהם סימני השכל, ולהועיל ולהאיר האדם בם בעולם הזה ובעולם הבא וכו'. והשלישי וכו' [עיי"ש].

[כו] **בתורת משה** (פרשת שמות, בדרוש לכבוד התורה, ד"ה ליישב): **אמרו חכז"ל** (ברכות ה.) **וּבְנֵי רֶשֶׁף יַגְבִּיהוּ עוּף** (איוב ה, ז), אין עוף אלא תורה, שנאמר (משלי כג, ה) הֲתָעִיף עֵינֶיךָ בּוֹ וְאֵינֶנּוּ. הרי הֵעִיד על התורה דשכיחא שִׁכְחָה גַּבָּהּ יותר מכל חכמות עמוקות שבעולם. ואמרו עוד (מגילה ו:) לְאוֹקְמֵי גִּירְסָא סִיַּיעְתָּא הוּא מִשְּׁמַיָּא, פירוש לקיים משנתו שלא תִּשָּׁכַח, לא יועיל השתדלות ויגיעה אם לא על ידי סייעתא דשמיא, והנסיון מעיד לנו בעוונינו הרבים על זה. **והטעם לזה הוא, כי כל דברים הקדושים שהם רוחניים, אינם חונים ברצונם אצל הגשמיים העכורין.** שכן חכמינו ז"ל אמרו (ילקוט תהלים קנ) [בפסוק] וַתָּשֶׁת עָלַי כַּפֶּכָה (תהלים קלט, ה), שהנשמה רוצית לצאת מהגוף בכל רגע, לולא שהקב"ה כופה כפו יתברך שמו עליה שלא לצאת מהגוף, והכונה על נִשְׁמַת שַׁדַּ-י חלק אלקי ממעל, ולא על הַנֶּפֶשׁ הַחִיּוּנִי הבהמית, אך על חלק הקדושה שבו, שאינו סובל בטוב ההתחברות עם הגוף העכור. - **והוא הדין והוא הטעם בתורתנו הקדושה, לא תסבול בטוב ההתחברות בעולם הזה, אם לא על ידי רצון הקב"ה.**

KolSatmar.com

נ

איבערדעם [אצל הבנים] קומט מען שווערער צו צום התחכמות.

[כי אצל הנשים, הלא] נשים לאו בת [תורה נינהו], זיי זענען דאָך נישט קיין בת תורה, [וכמו שאמרו][כז] אֵין חָכְמָה לְאִשָּׁה אֶלָּא בַּפֶּלֶךְ (יומא סו:).

מ'טאָר דאָך גאָר נישט מְלַמֵּד זיין [תורה לנשים, וכמו שאמרו] כל המלמד את בתו תורה [כאילו לומדה תיפלות][כח] (סוטה כ.).

ממילא דאָס ענין, דער עצם החכמה אירע, ליגט דאָך אין 'עפּעס אַנדערש', [כגון בחכמת הטוייה בַּפֶּלֶךְ, ולא בחכמת התורה. ועל כן] צו דעם קומט מען 'פריער' צו, כאָטשיג ס'איז שוואַכער, אָבער מ'קומט פריער צי צו דעם התחכמות.

אָבער ביי אנשים דאַרף דאָך צו זיין די יסודות החכמה [שלו אף הטבעיים, דייקא] פון די תורה הקדושה, [ולכן] צו דעם קומט מען 'שפּעטער' צו.

נא

ישוב קושיא ז (אופן א)

וויבן המשך המדרש, מִי חָכָם זה הקב"ה שיסד את הארץ בחכמה על שם העתיד, שעתה בזמן הזה יעמלו ויתייגעו בעבודת ה', ולעתיד יגיעו אל התיקון. וכמו כן וַיִּבֶן זה הקב"ה שנאמר וַיִּבֶן אֶת הַצֵּלָע, שנתן בינה יתירה לאשה מבאיש, דהאיש יען שתכליתו חשוב יותר צריך לעמול ולהתייגע יותר עד שיגיע לזה

איבערדעם זאָגט ער [במדרש, מִי] חָכָם זה הקדוש ברוך הוא, [שנאמר] ה' "בְּחָכְמָה" יָסַד אָרֶץ, [וכמו שפירשנו לעיל הכוונה דהוא ע"ד שאמרו איזהו חָכָם] הרואה את הנולד [שכבר מתחלת הבריאה ראה שהתכלית שיבוא מזה יתארך עד לעתיד בעולם התיקון, ולזה ממשיך המדרש וַיִּבֶן זה הקב"ה שנאמר וַיִּבֶן אֶת הַצֵּלָע, והכוונה כי] מהאי טעמא איז וַיִּבֶן אֶת הַצֵּלָע, [שדרשו חכז"ל מזה שבינה יתירה נתן הקב"ה לאיש, והיינו שמוקדם אצלה הבינה לבא], דאָס איז ביי איר פון פריער אָן [יען שאין תכליתה חשוב כל כך, על כן אין צריך כל כך יגיעה לזה, משא"כ באיש].

נב

איבערדעם מוז מען אַלץ קוקן נאָר אויפן 'תכלית'.

יענעס קומט שפּעטער, [מה שתכליתו חשוב יותר], דאַרף מען זיין אַ רואה את הנולד [בעתיד, ויתאמץ לעמול ולייגע להגיע לזה].

נג

ועל דרך זה הוא גם המשך המדרש, נָבוֹן וְיֵדְעֵם זה הקב"ה שהוא מַגִּיד מֵרֵאשִׁית אַחֲרִית

[וממשיך הכתוב] ס'איז נָבוֹן וְיֵדְעֵם, [ואמרו במדרש זה] הקב"ה, מַגִּיד מֵרֵאשִׁית אַחֲרִית.

[והכוונה גם כן, ווייל] דער עיקר איז מוז מען אַלץ קוקן אויף 'ווייטער' [על העתידות, שאז יבוא הכל] צום שלימות. [אבל נצרך לזה זמנים טובא, והרבה יגיעה].

נד

[ווי] דער זוהר הקדוש זאָגט[כט] [בפירוש הפסוק] וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים, אברהם אבינו איז צו די "מדריגות" נישט אין איין טאָג צוגעקומען, נאָר בָּא בַּיָּמִים, מיט אַסאַך טעג איז ער צוגעקומען צו די מדריגה וואָס ער איז געווען.

---

[כז] בגמרא יומא (סו:): שָׁאֲלָה אִשָּׁה חֲכָמָה את רבי אליעזר, מאחר שמעשה העגל שוין [באיסורם], מפני מה אין מיתתן שוה [שמצינו כמה מיני מיתות], אמר לה, אֵין חָכְמָה לְאִשָּׁה אֶלָּא בַּפֶּלֶךְ [=כלי שטווים בו], וכן הוא אומר (ויקהל לה, כה) וְכָל אִשָּׁה חַכְמַת לֵב בְּיָדֶיהָ טָווּ.

[כח] ועיין באורך בביאור ענין זה בויואל משה מאמר שלישי.

[כט] בזוהר הקדוש (פרשת חיי, קכט.): וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל. רַבִּי יְהוּדָה פָּתַח אַשְׁרֵי תִּבְחַר וּתְקָרֵב יִשְׁכֹּן חֲצֵרֶיךָ (תהלים סה, ה), הַאי קְרָא אִתְּמַר, אֲבָל זַכָּאָה הוּא בַּר נָשׁ דְּאוֹרְחוֹי אִתְכַּשְׁרָן קַמֵּי קוּדְשָׁא בְּרִיךְ

KolSatmar.com

**און אַזוי יעדער איד לפי ערכו, דאַרף מען מיט די צייט** [אָנקומען למדריגה שלו]**.**
**וואָרן צוקומען קומט מען נישט אויפאַמאָל,** [כדי] **מ'זאָל נישט חלילה 'צוריקפאַלן'.**

**נה**

[ועל זה ממשיך המדרש] **כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה' זה התורה הקדושה, צַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם.** [וכמו שכבר נתבאר לעיל בישוב קושיא ה].

**נו**

**הקדמה לישוב קושיא ח**

**ממה שאמרתי בביאור הפסוק בפרשת אחרי: כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם וגו'**

(עד אחר אות סב)

**נאָר וואָס דער מדרש פירט אויס,** [וּפוֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם] **זה נמרוד באברם,** [יש לומר הכוונה]**, וואָרן דער רשע ווערט אויכעט דורך דעם** [נכשל יותר, על ידי שהיצר הרע רוצה להתגבר על הצדיק].

**נז**

ברש"י: מגיד שארץ מצרים וכנען מקולקלים מכל האומות, ואותו מקום שישבו בו ישראל מקולקל מן הכל

[והביאור בזה, ווי] **איך האָב געזאָגט פְּשַׁט**[ל] **וואָס ס'שטייט** (אחרי יח, ג) **כמעשה ארץ מצרים וכמעשה ארץ כנען, כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם אֲשֶׁר יְשַׁבְתֶּם בָּהּ** [לֹא תַעֲשׂוּ, וּכְמַעֲשֵׂה אֶרֶץ כְּנַעַן אֲשֶׁר אֲנִי מֵבִיא אֶתְכֶם שָׁמָּה לֹא תַעֲשׂוּ].

[ומפרש רש"י]**: מגיד שארץ מצרים מקולקלים יותר מכל האומות. אֲשֶׁר יְשַׁבְתֶּם בָּהּ, אותו מקום אשר ישבתם היו מקולקלים מכל האומות, זענען זיי נאָך אַרגער. וּכְמַעֲשֵׂה אֶרֶץ כְּנַעַן אֲשֶׁר אֲנִי מֵבִיא אֶתְכֶם שָׁמָּה, שהם מקולקלים מכולם.**

[עד כאן דברי רש"י].

---

הוּא, וְאִיהוּ אִתְרְעֵי בֵּיהּ לְקָרְבָא לֵיהּ לְגַבֵּיהּ. [=רבי יהודה פתח, (תהלים סח) אַשְׁרֵי תִּבְחַר וּתְקָרֵב יִשְׁכֹּן חֲצֵרֶיךָ. הפסוק הזה נתבאר, אבל אשרי האיש שדרכיו כשרות לפני הקדוש ברוך הוא, והוא התרצה בו לקרבו אליו].

**תָּא חֲזֵי, אַבְרָהָם אִתְקְרִיב לְגַבֵּיהּ, וְתִאוּבְתֵּיהּ דִּילֵיהּ הֲוָה כָּל יוֹמוֹי בְּהַאי, וְלָא אִתְקְרִיב אַבְרָהָם בְּיוֹמָא חָדָא אוֹ בִּזִמְנָא חָדָא, אֶלָּא עוֹבָדוֹי קְרִיבוּ לֵיהּ בְּכָל יוֹמוֹי מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא, עַד דְּאִסְתַּלַּק בְּדַרְגּוֹי כַּד הֲוָה סִיב, וְעָאל בְּדַרְגִּין עִלָּאִין כִּדְקָא חָזֵי, דִּכְתִּיב 'וְאַבְרָהָם זָקֵן', וּכְדֵין 'בָּא בַּיָּמִים' בְּאִינוּן יוֹמִין עִלָּאִין בְּאִינוּן יוֹמִין יְדִיעָאן בְּרָזָא דִמְהֵימְנוּתָא. 'וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל', דְּמִתַּמָּן נָפְקִין כָּל בִּרְכָאן וְכָל טִיבוּ.** [=בא ראה, אברהם התקרב אליו, ותשוקתו היתה כל יום בזה. ולא התקרב אברהם ביום אחד או בפעם אחת, אלא מעשיו קרבוהו בכל ימיו ממדרגה למדרגה, עד שהתעלה במדרגתו כשהיה זקן, ונכנס למדרגות עליונות כראוי, שכתוב וְאַבְרָהָם זָקֵן, ואז בָּא בַּיָּמִים, באותם ימים עליונים, באותם ימים ידועים בסוד האמונה. וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל. שמשם יוצאות כל הברכות וכל טוב].

[וממשיך הזוהר עוד בענין מעלת התשובה]**: זַכָּאִין אִינוּן מָארֵיהוֹן דִּתְשׁוּבָה, דְּהָא בְּשַׁעְתָּא חָדָא, בְּיוֹמָא חָדָא, בְּרִגְעָא חָדָא, קְרֵיבִין לְגַבֵּי קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, מַה דְּלָא הֲוָה הָכִי אֲפִילּוּ לְצַדִּיקִים גְּמוּרִים, דְּאִתְקְרִיבוּ גַּבֵּי קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בְּכַמָּה שְׁנִין. אַבְרָהָם לָא עָאל בְּאִינוּן יוֹמִין עִלָּאִין עַד דַּהֲוָה סִיב כְּמָה דְאִתְּמָר. וְכֵן דָּוִד דִּכְתִּיב** (מלכים א' א, א) **וְהַמֶּלֶךְ דָּוִד זָקֵן בָּא בַּיָּמִים. אֲבָל מָארֵיהּ דִּתְשׁוּבָה מִיָּד עָאל וְאִתְדַּבַּק בֵּיהּ בְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא.** [=אשריהם בעלי התשובה, שהרי בשעה אחת (שחוזרים בתשובה]), ביום אחד, ברגע אחד, מתקרבים להקב"ה, מה שלא היה כן אפילו לצדיקים גמורים, שהם נתקרבו להקב"ה במשך כמה שנים, שהרי אברהם לא נכנס באותם הימים העליונים עד שהיה זקן, כמו שאמרנו. וכן דוד שכתוב בו וְהַמֶּלֶךְ דָּוִד זָקֵן בָּא בַּיָּמִים. אבל בעל התשובה מיד נכנס ומתדבק בהקב"ה].

**רַבִּי יוֹסֵי אָמַר, תָּנִינָן** (ברכות לד:) **אֲתַר דְּמָארֵיהוֹן דִּתְשׁוּבָה קָיְימֵי בֵּיהּ בְּהַהוּא עַלְמָא, צַדִּיקִים גְּמוּרִים לֵית לוֹן רְשׁוּ לְקָיְימָא בֵּיהּ, בְּגִין דְּאִינוּן קְרֵיבִין לְמַלְכָּא יַתִּיר מִכֻּלְּהוּ, וְאִינוּן מָשְׁכֵי עֲלַיְיהוּ בִּרְעוּתָא דְלִבָּא יַתִּיר, וּבְחֵילָא סַגְיָא לְאִתְקָרְבָא לְמַלְכָּא.** [=רבי יוסי אמר, שנינו, מקום שבעלי תשובה עומדים בעולם ההוא, אין לצדיקים גמורים רשות לעמוד בו, משום שהם קרובים למלך יותר מכולם, והם מושכים עליהם [אור הקדושה העליונה] ברצון הלב יותר, ובכח גדול להתקרב אל המלך].

[ל] בס"ג בשלח תשי"ט, א' פנחס תשי"ט, ס"ג אחרי תשכ"ב, ועוד.

נח

קושיא א - בפרשת אחרי

ולכאורה יש להבין וכי הקב"ה הביא את ישראל דוקא במקום היותר גרוע

א] [וקשה] **לכאורה, דער בורא כל עולמים האָט עפּעס געבּרענגט אידן אויף די אַרגסטע פּלעצער?**

נט

קושיא ב - בפרשת אחרי

וביותר קשה להבין דברי התורת כהנים, שישיבתם של ישראל שם, הוא שגרמה שנעשו המצריים מקולקלים יותר

ב] **און אַ מדרש זאָגט גאָר[לא], "בשביל" שאתם יושבים שם, "ווייל" אידן זענען דאָרט, איבערדעם זענען זיי מער מקולקל.**

**לכאורה ס'איז נישט צו פאַרשטיין.**

ס

ישוב קושיא א - בפרשת אחרי

אמנם ביאור הענין, דכשהאומה מתקלקל יש לזה השפעה גם על בני ישראל היושבים ביניהם

[נאָר] **קען זיין, ס'שטייט דאָך** (תהלים קו, לה) **וַיִּתְעָרְבוּ בַגּוֹיִם וַיִּלְמְדוּ מַעֲשֵׂיהֶם, אַז מ'לערנט זיך אָפּ פון די מקומות וואו מ'איז, איבעראָל** [וואו מ'וואוינט] **ווערט מען געכאַפּט אין די עֲוֹנוֹת פונעם 'פּלאַץ'.**

סא

ולכן היות שעיקר התגברות היצר הרע הוא דוקא על ישראל, יותר מכל האומות, על כן מתגבר יותר גם על האומה שיושבים שם ישראל, כי דרך האומות יוכל ח"ו להכניס קלקולים גם בישראל

[און] **דער כלל איז** [ווי] **די גמרא זאָגט** (סוכה נב.) **אַז דער יצר הרע איז מניח כל האומות ומתגרה בהם בישראל, ער פאַרלייגט זיך מער אויף אידן,** [ובתלמידי חכמים יותר מכולם].

**ממילא דאָרטן וואו אידן וואוינען, פאַרלייגט ער זיך מער אויף די "אומות" אויכעט, ווייל ס'איז דאָך משפיע דערנאָך אויף אידן,** [וממילא ירוויח כין] **אפילו וואָס ער קאָן נישט צוקומען גראָד צו אידן, לייגט ער אַרויף אויף די אומות, און פון די אומות גייט די השפעה דערנאָך אויף אידן.**

סב

ישוב קושיא ב - בפרשת אחרי

ולכן אמרו דישיבתם של ישראל גרמה לזה

**איבערדעם זאָגט דער מדרש, "ווייל" שישראל דרים שם, האָט זיך דער בעל דבר מער פאַרלייגט אפילו אויף די "אומה", אויף די אומות אויכעט, וואו אידן וואוינען.**

**איבערדעם זענען זיי מער מקולקלים פון איבעראָל, דאָרטן וואו ישראל דרים.**

[עד כאן ממה שאמרתי בפרשת אחרי].

---

[לא] **בתורת כהנים** (אחרי שם): מנין שלא היה אומה באומות שהתעיבו מעשיהם יותר מן המצריים, תלמוד לומר כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם לֹא תַעֲשׂוּ. מנין לדור אחרון שהתעיבו מעשיהם יותר מכולם, תלמוד לומר כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם לֹא תַעֲשׂוּ. מנין למקום שישבו בו ישראל שהתעיבו מעשיהם יותר מכולם, תלמוד לומר אֲשֶׁר יְשַׁבְתֶּם בָּהּ לֹא תַעֲשׂוּ. **ומנין שישיבתם של ישראל גרמה להם לכל המעשים הללו, תלמוד לומר אֲשֶׁר יְשַׁבְתֶּם בָּהּ לֹא תַעֲשׂוּ.**

ומנין שלא היתה אומה באומות שהתעיבו מעשיהם יותר מן הכנענים, תלמוד לומר וּכְמַעֲשֵׂה אֶרֶץ כְּנַעַן לֹא תַעֲשׂוּ וכו'. ומנין למקום שבאו בו ישראל וכבשו שהתעיבו מעשיהם יותר מכולם, תלמוד לומר אֲשֶׁר אֲנִי מֵבִיא אֶתְכֶם שָׁמָּה. **ומנין שביאתם של ישראל גרמה וכו', תלמוד לומר אֲשֶׁר אֲנִי מֵבִיא אֶתְכֶם שָׁמָּה לֹא תַעֲשׂוּ.**

## סג
### ישוב קושיא ח

ועל דרך זה מתגבר היצר הרע על הרשעים יותר, כדי להשפיע בזה גם על הצדיקים להחלישם מהקדושה, [ולכן נתגבר על נמרוד כדי שילחום באברהם. אלא שאברהם לחם נגדו ונתגבר על היצר הרע, ונמצא שעוד הרויח מן היצר הרע להתגבר על ידו לעבודת ה׳]

**איבערדעם זאָגט ער וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ ״בָם״,** [וכבר ביארנו הכוונה שהפושעים נכשלים] **דורך דער תורה הקדושה, בתלמידי חכמים יותר מכולם** (סוכה שם), **מ׳פאַרלייגט זיך מער** [על הלומד תורה, וכדי להכשיל הת״ח מתגבר תחלה על הפושעים כדי להשפיע בזה על הצדיקים, וכן התגבר על נמרוד בשביל אברהם, וכן בשאר רשעים כמו שחושב שם במדרש. אבל **צַדִּקִים יֵלְכוּ ״בָם״**, דכשהצדיק מנצח להיצר הרע ואינו נשפע מהשפעת רשע, אז הצדיק מתעלה עוד יותר על ידי התגברות היצר הרע].

## סד
## ביאור הגמרא: בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה ״תבלין״

ועל דרך זה פירשתי מה שאומר הקב״ה בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין. דלכאורה קשה דהרי התורה לוחמת עם היצר הרע, ואינו מטעימו, ולמא קרא אותה בשם ״תבלין״ ליצה״ר

**ווי איך האָב געזאָגט**[לב] [פְּשַׁט אין] **וואָס די גמרא זאָגט**[לג] (קידושין ל:) **בראתי יצר הרע בראתי** [לו תורה] **תַּבְלִין, די תורה הקדושה איז אַ ״תַּבְלִין״** [ליצר הרע].

**לכאורה דער פְּשַׁט איז דאָך,** [אַז ווייל] **מ׳האָט באַשאַפן אַ יצר הרע, האָט מען געגעבן די תורה הקדושה** [שעל ידה יוכלו להנצל ממנו], **די תורה הקדושה איז ״לוחם״ מיטן יצר הרע,** [ס׳איז] **׳פאַרקערט׳ פונעם יצר הרע.**

[ואם כן קשה למה קראוהו תַּבְלִין, והלא] **תַּבְלִין איז דאָך** [מַמְתִּיק את הבשר ומטעימו], **דאָס תַּבְלִין פאַררעכט דאָך דאָס, תַּבְלִין איז דאָך טייטש אויף אַ מַאֲכָל אַז ס׳טוט מְתַבֵּל זיין** [להטעימו בטעם טוב]. **און ס׳איז דאָך נישט ׳דאָס׳ דער מְכֻוָּן,** [ביי] **דעם יצר הרע, מ׳זאָל מְתַבֵּל זיין דעם יצר הרע, מ׳זאָל אים נאָך בעסער מאַכן?**

## סה

אמנם לדרכינו הכוונה, כי הצדיק כשמנצח את יצרו, נמצא שע״י כח היצר הרע מגיע לו עוד תועלת לתורה ועבודת ה׳

**נאָר וואָס דען? דאָס איז עס!**

**אַז דער אייבירשטער העלפט מ׳איז זיך מִתְגַּבֵּר על יצרו הרע, איז דאָך פאַרקערט, איז דאָך גאָר פאַרהאַנדן אַז דער יצר הרע אַליין איז אויכעט מְסַיֵּעַ צום אידישקייט**[לד].

---

[לב] בס״ג תרומה תש״כ, ס״ג חוקת תש״כ ועוד.

[לג] **בגמרא קידושין** (ל:): תנו רבנן, **וְשַׂמְתֶּם** [אֶת דְּבָרַי אֵלֶּה], סַם תָּם, נמשלה תורה כסם חיים. משל לאדם שהכה את בנו מכה גדולה, והניח לו רְטִיָּה על מכתו, ואמר לו בְּנִי כל זמן שהרטיה זו על מכתך אכול מה שהנאתך וּשְׁתֵה מה שהנאתך ורחוץ בין בחמין בין בצונן ואין אתה מתיירא, ואם אתה מַעֲבִירָהּ, הרי היא מעלה נוֹמִי [פצעים חמורים ואבעבועות]. כך הקדוש ברוך הוא אמר להם לישראל, בָּנַי, **בראתי יצר הרע ובראתי לו תורה תבלין**, ואם אתם עוסקים בתורה אין אתם נמסרים בידו, שנאמר (בראשית ד, ז) הֲלוֹא אִם תֵּיטִיב שְׂאֵת, ואם אין אתם עוסקין בתורה אתם נמסרים בידו שנאמר (שם) לַפֶּתַח חַטָּאת רוֹבֵץ, ולא עוד אלא שֶׁכָּל משאו ומתנו בך, שנאמר (שם) וְאֵלֶיךָ תְּשׁוּקָתוֹ, ואם אתה רוצה אתה מושל בו, שנאמר (שם) וְאַתָּה תִּמְשָׁל בּוֹ.

[לד] ועיין בספר **אורח לחיים** פרשת בראשית (ד״ה ויאמר): **והנה הרב בוצינא קדישא מו׳ דוב בער** [המגיד ממעזריטש] **זללה״ה** אמר פירוש הגמרא קידושין דף ל׳, בראתי יצר הרע ובראתי לו תורה תבלין, והלא אין המשל דומה לנמשל, כי בבשר משימין תבלין, והעיקר הוא הבשר ולא התבלין, וכאן אמר שהתורה הוא התבלין. ואמר שהאמת הוא כן, שהיצר הרע הוא העיקר [בעבודה], **וצריך האדם לעבוד השי״ת בהתלהבות הנמשך מיצר הרע.**

ואמר שזהו פירוש מה שאמרו רבותינו ז״ל במסכת יומא דף ס״ט (ע״ב) כשמסרו בידם יצרא דעבירה, **אפילו ביעתא בת יומא לא אשתכח.** דהנה יש עיתים שהם מוכנים מעצמם לעבודת השי״ת - כגון **בשבתות וימים**

KolSatmar.com

### סו

וכגון מה שאמרו בזוהר דאלמלא היצר הרע לא היה "חדוותא דשמעתא"

אַזוי ווי ס'שטייט גאָר[לה] [בזוהר הקדוש] (תולדות קלח.) **אויף חֶדְוָא דִשְׁמַעְתָּא, שטייט אַז ווען נישט דער יצר הרע העט נישט געווען קיין חֶדְוָא דִשְׁמַעְתָּא.**

### סז

ולכן אמרו דהתורה הוא "תבלין" להיצר הרע, שהיא מהפכת גם היצר הרע לטובה [ועל זה נאמר צַדִּקִים יֵלְכוּ בָם, בדברי התורה]

קומט אויס האָט מען גאָר תועלת אַמאָל [פונעם "יצר הרע"] צו "לימוד התורה", איז עס מתבל [התורה להיצר הרע ליקח ממנו את הטוב שבו], פאַרקערט, איז עס אַזוי ווי אַ "תַּבְלִין", וואָרן ס'טוט **"דעם יצר הרע אַליין" מהפך זיין לטובה, אַזוי ווי אַ תַּבְלִין איז מהפך דעם מאכל אויף לטובה.**

[ועל זה נאמר כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה' אלו דברי תורה, **וְצַדִּקִים יֵלְכוּ "בָם"**].

### סח

ואצל הרשעים מתפרש להיפך, דהתורה נעשה "תבלין" להיצר הרע, שהיא מטעמת את היצר, לחזק עוד את הרשע בדרכי היצר, ע"י לימוד פשטים זרים [ועל זה נאמר וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם, בדברי התורה]

ווידער חלילה פאַרקערט, אַז מ'גייט אין שלעכטן וועג, טרעפט מען "אין די תורה הקדושה אַליין" דרכים צו פאַרדאַרבן, איז עס נאָך אַרגער [מה שלומד תורה].

**איז טאַקע קומט אויס, ווער ס'גייט חלילה אַ שלעכטן וועג אין די תורה הקדושה, איז די תורה הקדושה טאַקע מְתַבֵּל דעם יצר הרע** ['כפשוטו', שֶׁמַּטְעִים להיצר הרע להכשילו יותר], ס'גיט אים נאָך תַּבְלִין, ער ברענגט נאָך ראיות פון די תורה הקדושה אויפן 'פאַרקערטן' דרך, אויף מְסַמֵּא עֵינַיִם צו זיין.

### סט

וכמו שכתב החובת הלבבות כי "החכמה" שורפת ביקודה למי שנוטה מנתיבתה

אַזוי ווי דער **חובת הלבבות** זאָגט[לו], חלילה אַז מ'גייט אויף אַ שלעכטן וועג, קומט אויס אַז די **חכמה** אַליין איז נאָך מְסַייֵעַ צום היפוך.

---

**טובים** - בלי הכנת אדם, וביעותא לשון **ביעותא**, לשון תפילה (עי' ישעיה כא, יב וברש"י), רצה לומר כשמסרו בידם יצרא דעבירה לא היה להם התלהבות כלל, ואף תפילות שהם בשבתות ויו"ט שהקדושה באה מלמעלה והם מוכנים מעצמם, וזהו **ביעותא "בת יומא"**, שהיום גרם, **לא אשתכח**, מפני שלא היו להם שום התלהבות כלל. ונמצא באמת שהיצר הרע הוא העיקר, שיקח התלהבות היצר לעבודת הש"י, והתורה הוא המורה דרך, ובאמת כמו תבלין, עד כאן דבריו בקיצור, ודברי פי חכם חן.

[לה] **בזוהר הקדוש** (תולדות קלח. במדרש הנעלם) אָמַר רִבִּי יְהוּדָה, הָכִי אִצְטְרִיךְ יֵצֶר הָרָע לָעוֹלָם, כְּמִטְרָא לָעוֹלָם. דְּאִלְמָלֵא יֵצֶר הָרָע, חֶדְוָותָא דִּשְׁמַעְתָּא לָא לֶיהֱוֵי.

[לו] **הביאו רבינו בכתי"ק בהקדמת על הגאולה ועל התמורה** (עמוד ח): **וכמו שכתב החובת הלבבות ז"ל בפרק ה' משער יחוד המעשה** וזה לשונו, אם יהיה האדם חכם בדעת האלקים ותורתו, ישתדל היצר להכניס ההפסד עליו והשיבוש בחכמתו ובמעשהו, מדרך הטענה והראיה מאיזה צד שיוכל, מן המושכל והכתוב [היינו תורה שבכתב] והמקובל [תורה שבע"פ], ויביא מופת על מה שיורהו עליו מן המופתים המבהילים, אשר אין הקדמותם אֲמִתִּיּוֹת ולא תולדותיהם מחויבות. ואם יהיה שכלך זך וחכמתך חזקה בדרך המופת, ואופני אזהרה בו בעת הדברים והמחלוקת, תראה אופני טעות יצרך בִּרְאָיָתוֹ ומופתו, ויתברר לך האמת, וְתֵרָאֶה לך הנכונה, ותמלט חכמתך מן הספק ומעשיך מן הערבוב. ואם תקצר דעתך מזה, יהיה פתויו לך יותר חזק, וְגָבְרוּ עליך יותר מזדמן [=מצוי], וּמָשְׁלוּ בך וְהִקִּיפוּ אותך בְּנִרְאֲךָ וּבְנִסְתָּרְךָ יותר נחוץ, מפני שהוא **בא עמך מצד החכמה** ומנהיג אותך בדרך המופת אשר תנוח דעתך עליו. וכאשר יפתה שכלך יטה מעליך ויעזר בו עליך מפני שאתה סומך עליו וכו' ובוטח בו במה שלא תבין ענינו וכו'. עד שיביאך אל מדריגה שנסתרים בה פני האמת, והוא השקר הגמור וכו'. ותהיה חכמתך לְרָעָה לך, וְשִׂכְלְךָ סִבָּה לְאַבְדָךְ, כמו שאמר הכתוב (ישעי' ה, כא) הוֹי חֲכָמִים בְּעֵינֵיהֶם וְנֶגֶד פְּנֵיהֶם נְבֹנִים, ואמר (ירמי' ח, ט) הִנֵּה בִדְבַר ה' מָאָסוּ וְחָכְמַת מֶה לָהֶם, ואמר (הושע יד, י) **כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה' וְצַדִּקִים יֵלְכוּ בָם וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם** (ופירש המרפא לנפש, על ידי התורה יכשלו והם חכמים להרע). **וְנֶאֱמַר** [כבר], **כי החכמה כשמנהיגים אותה על דַּרְכָּהּ, תהיה רפואה לכל מַדְוֶה, וכשנוטים בה מנתיבתה, תהיה מַדְוֶה כּוֹלֵל, שאין לה**

KolSatmar.com

### ע

איבערדעם איז גאָר פאַרהאַנדן, איבערדעם איז די תורה הקדושה קאָן זיין איז גאָר אַ ״תַּבְלִין״ [ליצר הרע, והיינו דבצדיקים התורה נותנת בו תבלין להפכו לטוב ולסייעו בעבודת ה׳, וברשעים התורה מטעים יותר את היצר הרע עצמו, וגורם להכשילו יותר].

דאָס איז דער פְּשַׁט ״צַדִּקִים יֵלְכוּ ״בָם״, וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ ״בָם״, [אַלעס] טאַקע מיט די תורה הקדושה.

### עא
### הקדמה לישוב קושיא ז - **אופן ב**

מבואר בגמרא ומדרש, דהתורה תחלתה גמילת חסדים וסופה גמילת חסדים, ומכלל החסד שבתחלתה הוא זה הפסוק וַיִּבֶן אֶת הַצֵּלָע, שמשם למדו שנעשה הקב״ה שושבין לאדם הראשון, וקלעה לחוה והביאה אליו

קאָן ׳נאָך׳ זיין אפשר וואָס ער זאָגט מִי כְּהֶחָכָם[לז] זה הקדוש ברוך הוא, וְיָבֵן זה הקדוש ברוך הוא [שנאמר] וַיִּבֶן אֶת הַצֵּלָע.

[דהנה] **די גמרא זאָגט דאָך**[לח] **אַז די תורה הקדושה איז** [כולה גמילות] **חסדים,** [דהתורה] **הייבט זיך אָן** [מיט] **גמילות חסדים, און לאָזט זיך אויס** [מיט] **גמילות חסדים**[לט].

[דהחסד בתחלת התורה] **איז עס געווען שעשה הקדוש ברוך הוא ״שושבינות״ לאדם** [הראשון][מ], **ס׳איז גמילות חסדים**[מא].

---

**רפואה ולא אֲרוּכָה**, ועל כן נמשלה התורה ״באש״, כמו שאמר (ירמי׳ כג, כט) הֲלוֹא כֹה דְבָרִי כָּאֵשׁ וגו׳, מפני **שמאירה העינים בְּאוֹרָהּ**, כמו שאמר (תהלים יט, ט) מִצְוַת ה׳ בָּרָה מְאִירַת עֵינָיִם וכו׳, **וְשׂוֹרֶפֶת בִּיקוֹדָהּ מי שנוטה מנתיבתה**, כמו שנאמר (ישעי׳ סו, טז) כִּי בָאֵשׁ ה׳ נִשְׁפָּט וכו׳. על כן הִזָּהֵר שלא תַּטֶּה אֲשׁוּרֶיךָ מדרך האבות ונתיב הראשונים אֶל הַבְּדִיאוּת וכו׳, **וְאַל תַּחֲשׁוֹד אֲבוֹתֶיךָ** במה שמסרו לך מאופני טובותיך, ואל תסתור עֲצָתָם במה שהורו אותך, כי אין עצה שתעלה בדעתך שלא קדמוך לְדַעְתָּהּ, עד כאן. - **ודברי החובת הלבבות אלו נוקבים ויורדים חדרי בטן.**

**וז״ל רבינו בס״ג נצבים וילך תשכ״ז**: מיט די תורה הקדושה אַליין קאָן מען פאַרפירט ווערן, אַזוי ווי איך ברענג (בהקדמת על הגאולה) דעם **חובת הלבבות**, די תורה הקדושה איז אֵשׁ אוכלה, אַז מ׳גייט גראָד אין די תורה הקדושה לייכט עס, ס׳איז פייער, אַז מ׳גייט חלילה ׳קרום׳ פאַרברענט עס, הֲלוֹא כֹה דְבָרִי כָּאֵשׁ, מיט די תורה הקדושה אַליין ווערט מען פאַרפירט, מ׳זאָגט אַ שלעכטן פְּשַׁט, נעמט מען אַרויס פון די תורה הקדושה פונקט קאַפויער, פונקט דעם היפוך, דעם היפוך וואָס ס׳שטייט. אַזיוויי מ׳זעט בעוונינו הרבים [בדורינו ווי] מ׳העגגט אָן דאָס הפכיות, מינות מיט אפיקורסות העגגט מען אָן אין די תורה הקדושה, איך דאַרף דאָס נישט מסביר זיין, בעוונינו הרבים דאָס זעט מען בחוש. - **וע״ע חידו״ת למסיבות, א׳ ויחי תשכ״ז** (עמוד תקסד), **ובס״ג עקב תשכ״ז.**

[לז] משיגרת לשון הפסוק בקהלת (ח, א) מִי כְּהֶחָכָם וּמִי יוֹדֵעַ פֵּשֶׁר דָּבָר. וגם על זה דרשו **במדרש רבה** (חקת יט, ד): **מִי כְּהֶחָכָם זה הקב״ה**, שכתוב בו ה׳ **בְּחָכְמָה יָסַד אָרֶץ**, וּמִי יוֹדֵעַ פֵּשֶׁר דָּבָר זה הקב״ה שפירש את התורה למשה.

[לח] **בגמרא סוטה** (יד.): דרש רבי שמלאי, **תורה תחלתה גמילות חסדים וסופה גמילות חסדים. תחילתה גמילות חסדים**, דכתיב (בראשית ג, כא) וַיַּעַשׂ ה׳ אֱלֹקִים לְאָדָם וּלְאִשְׁתּוֹ כָּתְנוֹת עוֹר וַיַּלְבִּשֵׁם. וסופה גמילות חסדים, דכתיב (זאת הברכה לד, ו) וַיִּקְבֹּר אֹתוֹ בַגַּי.

[לט] וגמילות חסדים, היינו כגון הכנסת כלה, ביקור חולים, הלוית המת, ניחום אבלים, וכדומה בעניני חסד שעושה בגופו.

[מ] חסד זה שהיא בתחילת התורה, נזכר **בקהלת רבה** (פ״ז פסוק ב) וז״ל: אמר רבי ברכיה גמילות חסד בתורה בראשה ובאמצעיתה ובסופה, **בראשה**, דכתיב **וַיִּבֶן ה׳ אֱלֹקִים אֶת הַצֵּלָע, מלמד שקילעה הקב״ה לחוה והביאה אל האדם ונעשה שושבין להם**, שכן בכרכי הים קורין לקלעיתא בניאתא. **ובאמצעיתה**, דכתיב (וירא יח, א) וַיֵּרָא אֵלָיו ה׳ בְּאֵלֹנֵי מַמְרֵא, מלמד שביקרו. [וַיְהִי אַחֲרֵי מוֹת אַבְרָהָם] וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים אֶת יִצְחָק בְּנוֹ (תולדות כה, יא), זו ברכת אבלים. **בסופה**, שנאמר וַיִּקְבֹּר אֹתוֹ בַגַּיְא.

[מא] כמבואר גם **בגמרא** (ברכות סא. וכן בעירובין יח.): וַיְבִאֶהָ אֶל הָאָדָם, אמר רבי ירמיה בן אלעזר מלמד שנעשה הקדוש ברוך הוא שושבין לאדם הראשון [פירש״י בברכות: שושבין. משתדל בחופתו ובזיווגו], מכאן למדה תורה דרך ארץ שיחזור גדול עם קטן בשושבינות ואל ירע לו. [ובעירובין פירש״י: שושבינות. שנשתדל בחיתונו, לשמחו, ולהתעסק בצרכי סעודת חופה].

KolSatmar.com

[וזה נלמד מפסוק זה וַיִּבֶן אֶת הַצֵּלָע, שהרי] **איין פְּשַׁט איז דאָך**[מב] **וַיִּבֶן לשון "קַלְעִיתָא"** [=פלעכטן], **שֶׁקִּלְעָהּ הקדוש ברוך הוא לחוה והביאה לאדם** [ונעשה לו שוֹשְׁבִין].

**און אויסלאָזן לאָזט זיך עס אויך אויס** [די תורה] **מיט גמילת חסדים, ביי משה רבינו,** [שנאמר וַיִּקְבֹּר אֹתוֹ בַגַּי (ברכה לד, ו), שלא ידע איש את קבורתו והקב"ה בעצמו קבר אותו].

**עב**

**וזה בא ללמדינו להתעסק במדת החסד, כי לעורר בזה מדת החסד ורחמים למעלה**

[וזה בא ללמד לאדם להתעסק בחסד, כדי לעורר בזה גם למעלה את מדת החסד].

**אַזוי ווי די גמרא זאָגט** (שבת קנא:) [בפסוק] **וְנָתַן לְךָ רַחֲמִים וְרִחַמְךָ** (ראה יג, יח), [כל המרחם על הבריות מרחמין עליו 'מן השמים'], **מיטן מדת החסד, דורכדעם וואָס מ'איז נוהג גמילת חסדים** [למטה], **איז מען מעורר גמילת חסדים** [למעלה].

**עג**

**ובפרט בדור האחרון, שעל זה נאמר "בך חותמין", במדת אברהם אבינו שהיא מדת החסד**

[והנה אנו צריכים מאוד למדה זו ובפרט בדורות אחרונים האלה (דברי יואל). וכמו שרומז על זה מה שאמר הקב"ה לאברהם אבינו **"בך חותמין"**[מג]. שזה רומז דבאחרית וחתימת הימים בסוף הגלות, יהיה עיקר הזכות מה שיתעסקו במדת החסד שהוא מדתו של אברהם אבינו].

**"בך חותמין", אַזוי ווי זיי טייטשן** [בספרים הק', דהחתימה יהא במדת החסד שהוא מדת אברהם אבינו].

[דלפי פשוטו הכוונה של "בך חותמין" כי] **פון די אַלע מדות** [של האבות, שמזכירין בברכה ראשונה דשמונה עשרה, אלקי אברהם אלקי יצחק ואלקי יעקב, הקל הגדול הגבור והנורא], **לאָזט מען אויס** [בסוף הברכה רק עם] **מָגֵן אַבְרָהָם.**

[ועל פי זה רמזו בספרים הק'] **בך חותמין, מיטן מדת החסד**[מד] [תהיה החתימה, שעל זה נאמר] (תהלים פט, ג) **עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה**[מה].

---

[מב] **בגמרא** (נדה שם, וכ"ה בברכות ועירובין שם): דאמר ריש לקיש משום ר"ש בן מנסיא, ויבן ה' אלקים את הצלע אשר לקח מן האדם לאשה ויביאה אל האדם, מלמד שקלעה הקדוש ברוך הוא לחוה והביאה אצל אדם הראשון, שכן בכרכי הים קורין לקלעיתא 'בנייתא'. [ופירש"י בעירובין: שקלעה, קליעת שער]. - וכן הוא בדברי המדרש המובא לעיל (בהערה מ).

[מג] כמבואר **ברש"י** (לך לך יב, ב): דבר אחר, וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל, זהו שאומרים "אלקי אברהם", וַאֲבָרֶכְךָ, זהו שאומרים "אלקי יצחק", וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ, זהו שאומרים "אלקי יעקב". יכול יהיו חותמין בכולן, תלמוד לומר וֶהְיֵה בְּרָכָה, **בך חותמין** ולא בהם. - [ומקורו **בגמרא פסחים** (קיז:)].

[מד] ועיין בזה ענין נורא לתיקון דורינו בדברי רבינו בספר **טיב לבב** פרשת שמיני, וז"ל: ובאופן אחר יתפרש המדרש (ילקוט שמעוני ח"א רמז תקכא) על הכתוב (שמיני ט, ו) זֶה הַדָּבָר וגו' תַּעֲשׂוּ וְיֵרָא אֲלֵיכֶם כְּבוֹד ה', אמר להם אותו יצר הרע תעבירו מלבבכם ותהיו כולכם ביראה אחת ובעצה אחת, ותהיה עבודתכם מיוחדת לפניו. וצ"ב מה שדייק לומר "אותו" יצר הרע כמראה עליו באצבע, ולא סגי ליה למימר סתם "יצר הרע תעבירו מלבבכם".

אולם יבואר על פי מה שכתב בספר הקדוש **נועם אלימלך** (פרשת נח) **שבכל דור ודור יש שורש לתקן מצוה מיוחדת יותר משאר מצוות**, למשל בדור הזה יש שורש לתקן מצות ציצית יותר משאר מצות, וכדומה בכל דור יש שורש להחזיק במצוה מיוחדת יותר משאר מצות, עכל"ק.

וכמו כן **בכל דור ודור יש קליפת יצר הרע מיוחדת**, שמתגבר היצר להכשיל את הדור בפירצות הדור, **ובדורינו היא קליפת הציונות הטמאה, שמתגבר השטן בכל כוחותיו להכשיל בני ישראל במינות וכפירה**, בענין החזקת המלוכה בארץ ישראל בדחיקת הקץ לפני ביאת המשיח. ונגד אותו היצר הרע אנו צריכים ללחום ביותר בדור הזה, ולהעבירו מלבבינו, כי היא מעכבת גאולתינו ופדות נפשינו.

וזהו שאמר **אותו יצר הרע תעבירו מלבבכם**, שצריך לראות בכל דור ודור איזה יצר הרע השולט אז, ודווקא אותו היצר צריך להעביר מן הלבבות, כי זה עיקר צורך ההתגברות נגד היצר הרע המתגבר ומתחדש בעתו ובזמנו, הרחמן הוא יתברך שמו יצילנו על דבר כבוד שמו יתברך (וע"ע ויואל משה ג, קמה).

והנה **כמו שיש בכל דור ודור "יצר הרע" מיוחדת** להכשיל בני ישראל בעבירה מיוחדת, **כמו כן יש שורש בכל דור ודור לתקן "מצוה" מיוחדת**, כמו שכתב בספה"ק נועם אלימלך הנ"ל. **ונראה מספרים הקדושים**

KolSatmar.com

**עד**

[דבאמת] **מיט וואָס קאָן מיר אונז זוכה זיין** [בדור הזה]**, נאָר מיט "חסד ורחמים" פון הקדוש ברוך הוא, הַמְּנַהֵג עוֹלָמוֹ בְּחֶסֶד** [וּבְרִיּוֹתָיו בְּרַחֲמִים] (תפלת נשמת).

**עה**

אונ [בפרט] **היצטערט אין די טעג, אין די עשרת ימי תשובה.**

**אויף דעם אַליין ברויך מען האָבן גרויס "רחמים וחסדים" פון הקדוש ברוך הוא,** [אַז] **מ'זאָל די זכיה האָבן מ'זאָל קאָנען מֵשִׂים אֶל הַלֵּב זיין, מ'זאָל קאָנען עפּעס זוכה זיין צום דֶּרֶךְ הַתְּשׁוּבָה.**

**עו**

**דער אייבירשטער זאָל העלפן מ'זאָל די זכיה האָבן.**

**דאָס איז דעך דאָך די טעג וואָס ס'איז אויף אַ גאַנץ יאָר די השפעה, אין די טעג די עשרת ימי תשובה איז דאָך דִּרְשׁוּ ה' בְּהִמָּצְאוֹ, אין די טעג.**

**איבערהויפּט ס'קומט יום הקדוש, דער הייליגער טאָג, דער גמר החתימה, מיט חסד ורחמים.**

**עז**

**ישוב קושיא ז - אופן ב**

מיד בתחילת הבריאה כבר ראה הקב"ה את הנולד, שהחתימה והסוף תהיה במדת החסד, ולכן בהתחלת הבריאה והתחלת התורה עסק במדת החסד, כמו שדרשו בפסוק וַיִּבֶן אֶת הַצֵּלָע. ושפיר מקושר המשך המדרש בפסוק מי חכם ויבן אלה

[על כל פנים] **דער 'אָנהייב' חסד** [בתחלת הבריאה ותחלת התורה] **איז דער וַיִּבֶן ה' אֱלֹקִים אֶת הַצֵּלָע.**

**איבערדעם** [זאָגט דער מדרש]**, מִי כְּהֶחָכָם** [זה הקדוש ברוך הוא שנאמר] **ה' בְּחָכְמָה יָסַד אָרֶץ,** [והיינו שהוא] **רואה את הנולד** [בעתיד].

---

**שבדורינו שהוא הדור של עיקבתא דמשיחא, המדה המיוחדת שבדור הוא "מדת החסד", וכמו שכתב בספה"ק מגלה עמוקות** (עיי"ש בפרשת לך לך) **על מה שאמרו ז"ל** (פסחים קיז:) **שאמר הקב"ה לאברהם אבינו ע"ה "בך חותמין", שחתימת ימי הגלות בעיקבתא דמשיחא יהיה על ידי מדת החסד מידתו של אברהם אבינו ע"ה, בזכות זה יחתמו ימי הגלות בביאת המשיח.**

**וכדברים האלה מבואר בספר הקדוש מרגניתא דרבי מאיר, מהרב הקדוש הרבי ר' מאיר מפרימישלאן זי"ע,** (פ' חיי) **על הכתוב** (כד, סג) **וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב. דהכוונה כי יצחק אבינו ע"ה צופה ומביט ברוח הקודש עיקר תולדותיו שיצא מן רבקה אמנו ע"ה, וַיַּרְא וְהִנֵּה גְמַלִּים בָּאִים לשון גומלים גמילת חסדים, כאשר שמעתי שאברהם אבינו ע"ה היה עמוד גמילות חסד, יצחק עמוד העבודה, ויעקב עמוד התורה, כנודע, ואבותינו הקדושים הבינו עד סוף כל הדורות בעיקבתא דמשיחא, אשר בעוונינו הרבים מפני כובד עול הגלות, אין תורה ועבודה כמו בשנים קדמוניות, צפה יצחק אבינו ע"ה וראה כי לִפְנוֹת עֶרֶב הִנֵּה גְמַלִּים בָּאִים, יתקיים העולם בזכות גמילות חסדים, וזה שהבטיח הקב"ה לאברהם אבינו ע"ה בך חותמין, החתימה לפני ביאת המשיח במהרה בימינו תהיה בְּךָ במדתך מדת החסד עכל"ק. על כן צריכין כהיום להשתדל הרבה במדת החסד איש לרעהו.**

[מה] **עיין במדרש ילקוט** (הושע, רמז תקכב)**: פעם אחת היה רבן יוחנן בן זכאי מהלך בירושלים, והיה רבי יהושע מהלך אחריו, ראה בית המקדש שהוא חרב, אמר אוי לנו על הבית שחרב, מקום שמתכפרין בו עונותינו. אמר לו, בני אל ירע לך, שיש לנו כפרה אחרת שהיא כמותה, ואי זה זה גמילות חסדים, לכך נאמר** (הושע ו, ו) **כִּי חֶסֶד חָפַצְתִּי וְלֹא זָבַח, ואומר אָמַרְתִּי עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה.**

**ובמדרש תהלים** (מזמור פט)**: מַשְׂכִּיל לְאֵיתָן הָאֶזְרָחִי, חַסְדֵי ה' עוֹלָם אָשִׁירָה לְדֹר וָדֹר אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי וכו'. אמרו לְאֵיתָן, על מה העולם עומד. אמר להם, כִּי אָמַרְתִּי עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה, אף שָׁמַיִם תָּכִין. ולא השמים בלבד, אלא אף הכסא אינו עומד אלא בחסד, שנאמר** (ישעי' טז, ה) **וְהוּכַן בַּחֶסֶד כִּסֵּא. משל למה הדבר דומה, לכסא שיש לו ארבע רגלים והיה אחד מתמוטט, נטל צרור וסמכו. כך היה הכסא של מעלה כביכול מתמוטט. עד שסמכו הקב"ה, ובמה סמכו, בחסד. הוי עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה. וכן דוד אומר** (תהלים קלו, ה) **לְעֹשֵׂה הַשָּׁמַיִם בִּתְבוּנָה, ועל ידי מי הם עומדים, על החסד, שנאמר** (שם) **כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ. וכן כל המזמור.**

KolSatmar.com

[ווייל] מ'האָט געזען [שוין מתחלת הבריאה מה שיהיה בסופה] אַז ס'וועט זיין **בך חותמין**, [ולכן מיד בתחילת הבריאה] איז **וַיִּבֶן אֶת הַצֵּלָע**, האָט מען אָנגעהויבן מיט חסד. [ואתי שפיר המשך דברי המדרש, ומיושב קושיא ז].

**עח**

**תמצית הנוגע לנו - (מן אופן הראשון בישוב קושיא ו-ז-ח)**

איבערדעם, דער בורא כל עולמים זאָל דערלייכטן אידישע אויגן מ'זאָל זען דעם אמת. אַז מ'זעט דעם אמת, מ'פּאָפּט זיך נישט, קען מען דעך 'דאָך' נאָך עפּעס צוקומען. [משא"כ כשיש סמיות עינים שאין רואין האמת עי"ז נכשלין יותר].

אַזוי ווי איך האָב שוין 'פריער' געזאָגט (בישוב קושיא ב-ג-ד) [בפירוש הפסוק] **כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ**, אַז דורכן עון ווערט מכשולות [וסמיות עינים שאין רואין האמת, ועי"ז נכשלין יותר. וכמו שביארתי בפירוש הפסוק] **וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם**.

**עט**

**ובעין זה אמרתי בדרוש לפרשת נצבים**

**בביאור הפסוק וְהָיָה בְּשָׁמְעוֹ אֶת דִּבְרֵי הָאָלָה וגו'** (עד אות פח)

איך האָב געזאָגט [כעין זה] **דעם פְּשַׁט אין פרשת נצבים** (כט, יז-יח):

ס'שטייט **פֶּן יֵשׁ בָּכֶם שֹׁרֶשׁ פֹּרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה, וְהָיָה בְּשָׁמְעוֹ אֶת דִּבְרֵי הָאָלָה הַזֹּאת וְהִתְבָּרֵךְ בִּלְבָבוֹ לֵאמֹר שָׁלוֹם יִהְיֶה לִּי כִּי בִּשְׁרִרוּת לִבִּי אֵלֵךְ לְמַעַן סְפוֹת הָרָוָה אֶת הַצְּמֵאָה**, [לֹא יֹאבֶה ה' סְלֹחַ לוֹ וגו'].

**פ**

**קושיא א - בפרשת נצבים**

למה דייקא ע"י שישמע את דברי האלה שבהתוכחה, על כן יתברך בלבבו לאמר שלום יהיה לי

א] פרעגט מען דאָך די קשיא, וואָס עפּעס [ווייל] **וְהָיָה בְּשָׁמְעוֹ**, ווייל ער וועט הערן **אֶת דִּבְרֵי הָאָלָה הַזֹּאת** [שבהתוכחה], דורכדעם וועט זיין **וְהִתְבָּרֵךְ בִּלְבָבוֹ** [לֵאמֹר] **שָׁלוֹם יִהְיֶה לִּי**, ווען ער וועט דאָס הערן.

לכאורה ס'האָט דאָך נישט קיין שום פירוש, **כִּי בִּשְׁרִרוּת לִבִּי אֵלֵךְ**, וואָס איז דאָס [תלוי בשמיעת דברי הָאָלָה שבהתוכחה].

**פא**

**קושיא ב - בפרשת נצבים**

מהו הסברא לצרף לו עונש השגגות כעונש הזדונות

ב] ווידער [דער] **לְמַעַן סְפוֹת הָרָוָה אֶת הַצְּמֵאָה**, ברענגט ער [ברש"י] דער **תרגום** זאָגט **לְאוֹסָפָא** [לֵיהּ] **חֶטְאֵי שָׁלוּתָא עַל זֵדָנוּתָא**, איך וועל מוסיף זיין די שגגות אויף די זדונות.

[ועל זה תמהו המפרשים] ס'איז דאָך נישט דינא הכי, אַז מ'האָט געטון [רק] זדונות [להוסיף עליהם גם שגגות], די זדונות זענען דאָך זדונות און שגגות זענען שגגות, מהיכי תיתי זאָל מען מוסיף זיין די שגגות אויף די זדונות.

**פב**

**ישוב קושיא א - בפרשת נצבים**

בדברי התוכחה נרמז גם ענין שכחת התורה, וגם ענין מיתת צדיקים שגורם סמיות עינים בעולם, כמו שדרשו חכז"ל בפסוק והפלא ה' את מכותך

נאָר וואָס'זשע דען. אין דער **תוכחה** ליגט דאָך דאָרט אַלעס.

KolSatmar.com

[וגם דעס וואָס] **די גמרא זאָגט** (שבת קלח:), **רַב האָט געזאָגט, עתידה תורה שתשתכח תורה מישראל, שנאמר** [בהתוכחה] (תבוא כח, נט) **וְהִפְלָא ה' אֶת מַכֹּתְךָ, הפלאה זו איני יודע מהו, כשהוא אומר** (ישעי' כט, יד) **לָכֵן הִנְנִי יוֹסִף לְהַפְלִיא** [אֶת הָעָם הַזֶּה הַפְלֵא וָפֶלֶא] **וְאָבְדָה חָכְמַת חֲכָמָיו וּבִינַת נְבֹנָיו תִּסְתַּתָּר, הוי אומר הפלאה זו תורה. וְאָבְדָה חָכְמַת חֲכָמָיו, דאָס איז וְהִפְלָא.**

[און דאָס] **איז דאָך שוין דאָס אַרגסטע** [קללה שבתוכחה], **אַז מ'פאַרלירט דעם דַעַת, די הבנת התורה. מ'קוקט אין דער תורה, און מ'ווייסט נישט דעם אמת.**

**אַז מ'האָט פאַרשטעלטע אויגן, דאָס איז דאָס שווערסטע.**

**פג**

[ועוד] ס'איז דאָ אין דעם אַ דרשה[מו], **גַּם כָּל חֳלִי וְכָל מַכָּה** [אֲשֶׁר לֹא כָתוּב בְּסֵפֶר הַתּוֹרָה], **מיינט זו מיתת צדיקים. ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל דערלייכטן די אויגן, אֵין מִי יִגְדֹּר גֶּדֶר וּמִי יַעֲמוֹד בַּפֶּרֶץ.** [וממילא נמצא] **מ'האָט פאַרשמירטע אויגן** [בסמיות עינים, שלא לראות האמת].

**פד**

וממילא כשיבין הפסוקים והדרשות שבתוכחה, יבין גם זה שאם חוטאים בתחילה באים אחר כך לידי סמיות עינים עד שהעונות האחרונים כבר נחשב כשגגות (כמבואר לעיל בהדרוש בישוב קושיא ב-ג-ה)

[וממילא] **איינער וואָס ער וועט פאַרשטיין די פסוקים** [שבדברי הָאָלָה שבהתוכחה] **מיט די דרשות** [חכמינו ז"ל, הנה יחשוב בלבו כי] **אַז ער וועט שפּעטער זינדיגן** [נאָך מער] **וועט ער שוין ניטאַמאָל וויסן דעם אמת, וועט ער נאָך זיין אַ "שוגג"** [ויוקל עונשו].

**אַזוי ווי האָב געזאָגט** (לעיל אות כז) **ווען ס'איז "כַּעֲבוֹתוֹת הָעֲגָלָה" איז דאָך שוין "חֲטָאָה". וועט ער זיין אַ שוגג, וועט ער שוין נישט האָבן אַזאַ עונש, ווייל ער וועט שוין זיין ברשות לבו.**

**פה**

ולכן יתברך בלבבו לאמר כי שלום מן העונש יהיה לי, כאשר אלך בשרירות "לבי", וכבר אהיה בבחינת שוגג ואונס

[ולזה אמר הכתוב] **וְהָיָה "בְּשָׁמְעוֹ" אֶת דִּבְרֵי הָאָלָה הַזֹּאת, ער וועט פאַרשטיין וואָס אין דעם ליגט, ס'ווערט אָפּגעטון דער 'כח הרוחני', דאָס 'חֲמִימוּת', דער 'אמת', מ'איז אַזוי ווי אַ "שוגג".** - [און] **אפשר גאָר ווי אַן "אוֹנֵס".** -

**ער איז ווי אַ "שוגג", וְהִתְבָּרֵךְ "בִּלְבָבוֹ" לֵאמֹר ס'איז נאָך בעסער** [אַזוי], **ער וועט צופרידענער זיין, שָׁלוֹם יִהְיֶה לִּי כִּי בִּשְׁרִרוּת "לִבִּי"**[מז], **ס'וועט זיין לבו אונסו**[מח], **וועט ער נאָך זיין ווי אַ "שוגג", קען אים גאָרנישט געשען** [קיין עונש גדול].

---

[מו] הוא מאמר חז"ל המובא בספרים הקדושים, ולא ידוע מקורו המדוייק בגמרא ובמדרש שלנו. אבל כעין זה איתא במדרש (איכה רבתי א, לז) ובגמרא שבת (קלח:). **ועיין בבני יששכר** (תשרי ו, ד) **שמביאו בזה הלשון וְהִפְלָא ה' אֶת מַכֹּתְךָ וגו' הפלאה זו איני יודע מה היא, כשהוא אומר הִנְנִי יוֹסִף לְהַפְלִיא אֶת הָעָם הַזֶּה הַפְלֵא וָפֶלֶא וְאָבְדָה חָכְמַת חֲכָמָיו, הוי אומר זו מיתת הצדיקים, ומובא דבריו בדברי יואל ליום כיפור** (אות יט) **משנת תרצ"ד. וכן מביא רבינו מאמר זה כמה פעמים, ומהם בס"ג וישלח תשי"ז.**

**ועיין במאמר הנדפס בסוף ספר חידושי תורה תשט"ז** (מהדורת תשס"ז) **שרבינו עצמו שאל את כותבי התורה אם מצאו המקור ללשון זו, והם אמרו שנמצא כן ביערות דבש** (ח"א דרוש ד' ועוד).

[מז] שהכתוב אומר וְהִתְבָּרֵךְ "בִּלְבָבוֹ" כשעדיין יש לו ב' יצרים, שיש לו גם יצר טוב, לֵאמֹר שָׁלוֹם יִהְיֶה לִּי כִּי בִּשְׁרִרוּת "לִבִּי" אֵלֵךְ, ששוב לא יהיה לי רק יצר אחד והוא יצר הרע, מחמת הסמיות עינים והשרשת החטא, וממילא אהא נחשב לבסוף כשוגג ואונס ולא אענש. (ע"פ דברי רבינו בדרושים אחרים).

[מח] מלשון רש"י (נזיר יא: ד"ה ואיבעית אימא), וכן נמצא בכמה ראשונים.

KolSatmar.com

פו
### ישוב קושיא ב - בפרשת נצבים
לזה אמר הכתוב למען ספות הרוה את הצמאה, כי מכיון שבזדון מביא עצמו לידי בחינת שגגה, על כן יהיה נחשב לו גם השוגג כמזיד, ולא יאבה ה' סלוח לו וגו'

**זאָגט ער אָבער נײן, לֹא יֹאבֶה ה' סְלֹחַ לוֹ,** [כי הגם בשאר שוגגין] **ס'איז טאַקע וְנִסְלַח** [לְכָל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל] **וואָרן כִּי לְכָל הָעָם "בִּשְׁגָגָה"** (שלח טו, כו)**, אָבער אַז ער אַליין קוקט אַרויס דערויף ער זאָל נישט וועלן וויסן דעם אמת, וועט זײן לְאוֹסָפָא, לְמַעַן סְפוֹת הָרָוָה, איז לְאוֹסָפָא חֲטָאֵי "שָׁלוּתָא" עַל זְדָנוּתָא, איז ער שולדיג פאַר די "שגגות" אויך, ווײל ער האָט דאָך אויף דעם אַרויסגעקוקט, ער האָט זיך נישט געהיט פריער, ער האָט דאָס געוואוסט.**

פז
### היוצא מזה לענינינו
ענין "הסמיות עינים" הוא לימוד זכות לאותן הרוצים לידע דרך האמת ולעבוד את ה'. אבל לאותן המבקשים זאת, שמחפשים אחר דרך השקר וסמיות העינים, הוא אדרבה גורם להם עונש, ועליהם נאמר למען ספות הרוה את הצמאה

**דער אמת איז, אַז מ'וויל** [וויסן דעם אמת]**, און מ'בעט דעם אייבירשטען און מ'וויל וויסן דעם אמת, איז דאָ דער לימוד זכות אַז "מען ווייסט נישט"** [מחמת הסמיות עינים].

[און] **דער בורא כל עולמים העלפט, ער איז מאיר עינים, מ'זאָל קומען צום אמת.**

**אָבער אַז מען 'זוכט דאָס'** [הסמיות עינים, לילך בשרירות לבו]**, איבערדעם איז טאַקע לְמַעַן סְפוֹת הָרָוָה אֶת הַצְּמֵאָה.**

פח
## ישוב הקושיות בפרשת וילך
### הקדמה לישוב קושיא א
בישמח משה מביא פירוש הפסוק "לְכוּ" בָנִים שִׁמְעוּ לִי, דהעיקר שישמעו לדברי יראת ה' גם לאחר שיוצאים מביהמ"ד "והולכים" לביתם

[ולבאר] **דעס וואָס איך האָב אָנגעהויבן** [בדברי התנחומא, כי] **וַיֵּלֶךְ איז לשון תוכחה,** [שנאמר] **לְכוּ חֲזוּ מִפְעֲלוֹת ה'.**

[אפשר לומר בהקדם וואָס] **ס'שטייט אין ישמח משה**[מט] [בשם הרב הקדוש רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג, לפרש הפסוק] **"לְכוּ" בָנִים שִׁמְעוּ לִי יִרְאַת ה' אֲלַמֶּדְכֶם** (תהלים לד, יב)**, ווען מען 'גייט אַהיים'** [שִׁמְעוּ לִי]**, נישט נאָר דעמאָלטס ווען מען הערט, ווען מ'איז אין בית המדרש, נאָר ווען מ'גייט אַהיים, דעמאָלטס זאָל מען אויך צוהערן,** [שגם אָז] **זאָלן די דיבורים ליגן אין רושם, ליגן נֶחְקָק בְּמוֹחוֹ וּבְלִבּוֹ, ס'זאָל זײן שִׁמְעוּ לִי יִרְאַת ה' אֲלַמֶּדְכֶם, ווען מ'גייט אַהיים, דאָס איז דאָס לשון "לְכוּ".**

---

[מט] בישמח משה פרשת דברים (ד"ה דברים ואתחנן): על פי מה [ששמעתי] שפירש הצדיק הקדוש הגאון מהר"ש זלה"ה מניקלשפורג בפסוק לְכוּ בָנִים שִׁמְעוּ לִי [יִרְאַת ה' אֲלַמֶּדְכֶם], כי לא די במה שמקשיב לקול מוכיח בעת שדורש, כי אם לְכוּ לביתכם, אז שִׁמְעוּ לִי, עד כאן דבריו.

ובישמח משה (פרשת ראה, בהפטורה): הַטּוּ אָזְנְכֶם וּלְכוּ אֵלַי (ישעי' נה, ג). עיין באלשיך על הפסוק הנ"ל וכו'. ולי נראה על פי שפירש הגאון הצדיק מניקלשפורג בפסוק לְכוּ בָנִים שִׁמְעוּ לִי, כי לא די לשמוע בשעה שהחכם דורש לבד, כי אם אחר שתלכו לביתכם אז שמעו לו. והיינו והעיקר וּלְכוּ, בשעה שתלכו לביתכם, תהיו אֵלַי נאום ד'.

### פט
### התחלת ישוב קושיא א

וזה נרמז גם כן בפסוק "לְכוּ" חֲזוּ מִפְעֲלוֹת ה', דהעיקר לראות האמת במפעלות ה' גם בשעת "ההליכה" [ושפיר שייך לשון הפסוק לענין דברי "תוכחה" ומוסר]

**איבערדעם זאָגט ער, "לְכוּ" חֲזוּ מִפְעֲלוֹת ה', אפילו ווען מ'גייט אַוועק** [איז "חֲזוּ", זאָל מען זען דעם אמת, און מִפְעֲלוֹת ה' (כההמשך דלקמן אות צג)].

### צ

וכל שכן בימים הקדושים, העיקר הוא להתעורר באופן שלא ישובו אח"כ לגבולם הראשון, וכדברי הישמח משה והייטב לב

**איבערהויפּט** [ווען מ'גייט אַוועק] **פון די הייליגע טעג.**

[ווי] **דער ישמח משה טייטשט**[נ] **אויף דעם אויכעט,** [דעם פסוק] **וְשָׁבוּ בָנִים לִגְבוּלָם, יֵשׁ תִּקְוָה לְאַחֲרִיתֵךְ** (ירמי' לא, טז)**, גייט אַרויף ווען ס'קומט די הייליגע טעג, יעדער איד טוט דאָך עפּעס, נאָר ס'קומט דערנאָכדעם** [נאָך די הייליגע טעג]**, איז וְשָׁבוּ בָנִים לִגְבוּלָם.**

### צא

**אַזוי ווי ס'שטייט אין ייטב לב**[נא]**, זאָגט ער** [לפרש המדרש בפרשת כי תבוא (דברים רבה ז, י) שאמר לו הקב"ה למשה אתה אוחז החבל בתרין ראשין, אתה אומר אֶעְבְּרָה נָּא ואמרת סְלַח נָא, אם יש

---

[נ] בישמח משה (אמור, ד"ה ביום): והנה כבר פירשתי בפסוק (ירמי' לא, טו-טז) כֹּה אָמַר ה' מִנְעִי קוֹלֵךְ מִבֶּכִי [וְעֵינַיִךְ מִדִּמְעָה] וגו', כי **בימים הנוראים והקדושים** בודאי 'נפעל' [למעלה] בכל שנה, וזה שאמר [כִּי] יֵשׁ שָׂכָר לִפְעֻלָּתֵךְ [נְאֻם ה']. ושמא תאמר אם כן מדוע לא בא בן ישי, הלא אין הדבר תלוי אלא בתשובה, על זה אמר וְשָׁבוּ בָנִים לִגְבוּלָם, רצ"ל שחוזרין בהם ועושין מה שעשו, ואין להם עזיבת החטא. **והעיקר הוא שלא לשוב לגבולם.**

ובישמח משה (ראה, ד"ה לא תעשון): והנה יסודי התשובה שלשה, כמבואר בספר חרדים (פרק ב' מהלכות תשובה), וידוי, חרטה, ועזיבת החטא. וכבר הוכחתי (בפרשת נשא בפסוק והתודו) דהתענית ושאר דברים לאו מעיקרי התשובה הן עיין שם, רק החרטה והוידוי ועזיבת החטא. והנה החרטה והוידוי מצוי דאף רשעים מלאים חרטה (עירובין יט.), רק עזיבת החטא אמיתי [הוא] קושי המציאות, כי תמיד שבים על קיאם. וכמו שפרשתי בפסוק מִנְעִי קוֹלֵךְ מִבֶּכִי, דודאי בכל שנה **בימי התשובה** ישראל עושים תשובה ונפעל למעלה. וזה שאמר הכתוב יֵשׁ שָׂכָר לִפְעֻלָּתֵךְ, ושמא תאמר אם כן מדוע לא בא בן ישי גם תמול גם היום, על זה אמר וְשָׁבוּ בָנִים לִגְבוּלָם, כי אחר עֲבוֹר ימי הדין שבים למעשיהם הראשונים, והיא הגורם כי עדיין בן דוד לא בא. [עיי"ש עוד באורך].

[נא] בייטב לב (פרשת נצבים) הביא דברי הישמח הנ"ל בפרשת ראה, ואחר כתב: והנה כתיב (הושע יד, ב-ג) **שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל וגו' קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים** דברי וידוי **וְשׁוּבוּ אֶל ה'**. והנה עם בני ישראל כולם עומדים ומתודים **בימים הקדושים** האלה, והגיעו הימים אשר יאתה להושיענו ונזכה לראות מהרה בתפארת עוזו כו', וכדכתיב (ישעיה נב, ח) כי עין בעין יראו בשוב ה' ציון, ולשמוע קול מבשר משמיע ישועה. ומה שלא זכינו עוד לראות ולשמוע קול ישועה, הוא מפני ששבים למעשיהם הראשונים בעוה"ר, ומה שהיה קודם הימים הקדושים הוא שיהיה אחרי כן. וזהו שאמר הכתוב (קהלת א, ח-ט) **כָּל הַדְּבָרִים** היינו וידוי דברים של ישראל **יְגֵעִים**, כלומר שהן חסרים ואין בהם כח לגאלנו, זה **לֹא יוּכַל אִישׁ לְדַבֵּר**, כי בודאי עלתה שועתנו וצעקתנו השמימה, אולם אשר **לֹא תִשְׂבַּע עַיִן לִרְאוֹת** מה שמחכה לראות בישועת ה', **וְלֹא תִמָּלֵא אֹזֶן מִשְּׁמֹעַ** קול מבשר, הוא הטעם כי **מַה שֶּׁהָיָה** קודם ימים הנוראים **הוּא שֶׁיִּהְיֶה** גם אחרי כן, **וּמַה שֶּׁנַּעֲשָׂה** מקודם **הוּא שֶׁיֵּעָשֶׂה, וְאֵין כָּל 'חָדָשׁ' תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ**, 'לחדש' מעשיו, זה העיכוב, כי אין כאן עזיבת החטא.

ובזה אמרתי לפרש המדרש (דב"ר ז, י) אמר הקב"ה אתה אוחז החבל בתרין ראשין, **אם אֶעְבְּרָה נָּא אין כאן סְלַח נָא**. על דרך רמז מוסר. כי למתחילין לתקוע שופר המחריד הלב ומעורר לתשובה מיום א' **דראש חדש אלול**, יש **נ"א** יום עד **שמיני עצרת** שבו מוסרין הפתקין להשלוחים. והנה בהגיע הימים הקדושים, זוחלים ורועדים מאימת הדין הגדול והנורא, אשר בראש השנה יכתבון וביום צום כיפור יחתמון, וגמרו של דבר בהושענא רבה ושמיני עצרת, ופונים את עצמם מענינים הארציים לשים עיניהם ולבם אל מילי דשמיא. ואיש המוני, אם כי הוא אומר **סלח "נא"**, היינו באותן נ"א יום, עם כל זה יאמר בלבו **אעברה "נא"**, כלומר אעבר את הנ"א יום **ואראה את הארץ הטובה**, כלומר שוב אשיב ואשוב עיני לעסוק בטוב הארץ ובישובו של עולם כבראשונה. והנה לפניו יתברך נגלה כל תעלומות, אז יאמר **אם אעברה נ"א, אין כאן בקשת סלח נ"א באלו נ"א** יום, כיון שאין כאן עזיבת החטא. **ואם סלח נ"א, אין כאן אעברה נ"א**, כי אם יעמוד בתשובתו באמת כל הימים אשר הוא חי על פני האדמה.

KolSatmar.com

כאן אֶעְבְּרָה נָּא אין כאן סְלַח נָא וכו'], **אם אֶעְבְּרָה "נָּא"** (ואתחנן ג, כה), [שזהו רומז אויף] **די נ"א יום, פון ראש חודש אלול ביז נאָך הושענא רבה איז נ"א יום, אַז מ'זאָגט אם אֶעְבְּרָה "נָּא", איז אֵין כאן סְלַח "נָא"** (שלח יד, יט), **אם סְלַח "נָא" איז אֵין כאן אֶעְבְּרָה "נָּא",** [ווייל ס'איז נישטאָ] **אַז מ'זאָגט דאָס זאָל 'אַוועקגיין'.**

**צב**

[והיוצא מזה כי האמת הוא אַז] **מ'דאַרף צו בלייבן ביי דעם אויף 'כסדר', מ'דאַרף דאָס אַריינגעמען אין די נְקוּדַת הַלֵּב אַריין** [את התעוררות של אלו הימים הקדושים, על כל ימות השנה].

**צג**

**ישוב קושיא א**

**איבערדעם זאָגט ער "לְכוּ" אפילו ווען מ'גייט אַוועק איז "חֲזוּ" זאָל מען זען דעם אמת, את מִפְעֲלוֹת אֱלֹקִים**[נב].

**צד**

**ועל דרך זה נרמז גם בפסוק "וילך" משה וידבר את הדברים האלה וגו',**
**דגם לאחר שהלך משה מהם, נכנסו דיבוריו הק' בתוך לבם של ישראל**

**איבערדעם זאָגט ער "וַיֵּלֶךְ" מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה** [אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל], **משה רבינו האָט מַשְׁרִישׁ געווען בְּלִבָּם של ישראל** [אַז] **אפילו ס'איז געווען "וַיֵּלֶךְ" מֹשֶׁה איז אויכעט געווען וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה. דאָס איז דאָס זעלבע ענין ווי "לְכוּ" חֲזוּ.** [ומובן היטב דברי התנחומא].

**צה**

## סיום התורה וברכת הקודש

**בעוונותינו הרבים איז שוואַך, אפילו אין 'די טעג' אַליין איז אויכעט איז מען נִתְגַּשֵׁם, אין דעם שפלות הדור, מיטן שפלות המצב**[נג] [והתגשמות מצב העולם].

[אמנם לעומת זה חשוב לפני הבורא כל עולמים גם עבודתם הקטנה של בני ישראל לפי שפל המצב בעיקבא דמשיחא אשר מעולם לא היה עוד שפלות גדול כמו היום, והבורא כל עולמים הרי רואה את המצב, ולכן חשוב לפניו גם קצת פעולה מה שיכולין לעשות עכשיו בדור הזה.

ועתה באלו הזמנים של עשרת ימי תשובה ויום כיפור וימי חג הסוכות, אלו ימים הקדושים, נזכה לייחד את הַלֵּב להבורא כל עולמים, ונזכה לנקודה של תשובה, והשם יתברך יאיר עינינו ולבבות בני ישראל שנזכה להתגבר ולתקן כל הפגמים].

[והשם יתברך יעזור, הן עתה שנכנסנו לשנה החדשה, והכל תלויים ועומדים לגמר חתימה טובה, יעזור השם יתברך שיתעורר מדת החסד בעולם, וננצל מכל צרה וצוקה, והשם יתברך יאמר די לצרותינו. ונזכה במהרה לישועה שלימה, ונוושע בכל מיני ישועות טובת, ונזכה לשנת שמחה וישועה אמיתית, שמחנו כימות עניתנו. והשם יתברך יעזור שנוושע במהרה בשנת ישועה אמיתית, בהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן].

---

[נב] כן הוא הלשון בתנחומא, שנאמר לכו חזו מפעלות "אלקים". אלא שרבינו נקט בכל הדרוש לשון הכתוב לכו חזו מפעלות "ה'". כי לשון התנחומא הוא באמת הרכב מן שני פסוקים, א' לכו חזו מפעלות ה' (תהלים מו, ט), ב' לכו "וראו" מפעלות אלקים (שם סו, ה).

[נג] חסר סיום הדרוש על הריקאָרדינג, והשלמנו בלשון הקודש מהנדפס בקונטרס דברות קודש מתוך רשימות הרה"ח ר' סענדער דייטש ע"ה, שרשם את התורות בשעתם בקצרה.

צו

## ברכת הקודש - [משבת שובה תשכ"ג]

**איבערדעם אַצינדערט דִּרְשׁוּ ה' בְּהִמָּצְאוֹ קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב.**

**אין די עשרת ימי תשובה האָמיר נאָך די צוויי טאָג** (כי יו"כ תשכ"ג חל ביום ב').

**ס'קומט שוין דער הייליגער טאָג,** [אין וואָס] **מ'גייט אַריין.**

אַזוי ווי דער אמת איז, דאַרף מען האָבן ביי זיך אַליין הִתְבּוֹנְנוּת מ'זאָל וויסן ווי מ'האַלט, [מיט] דעס גאַנצע הִשְׁתַּנּוּת, דורכן קִלְקוּל הַדּוֹרוֹת.

אַז מ'העט די זכיה געהאַט... אַז מ'זאָל באמת ובתמים טאַקע פאַרן בורא כל עולמים'ס וועגן, באמת ובתמים. מ'זאָל קענען באמת מִתְחַרֵט זיין אויף אַלע דְּרָכִים לֹא טוֹבִים, וואָס יעדער ווייסט ביי זיך.

**מ'זאָל די זכיה האָבן מקבל צו זיין דעם עול מלכות שמים.**

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן, ס'קומט נאָך די טעג נאָך פון די הייליגע טעג וואָס מ'האָמיר נאָך, מ'זאָלמיר די זכיה האָבן מ'זאָל זאָגן אֱמֶת'דיגע תְּפִלּוֹת פאַרן בורא כל עולמים, מ'זאָלמיר מקבל זיין דעם עול מלכות שמים.

**מ'זאָל די זכיה האָבן מ'זאָל זיין דבוק אין באַשעפער.**

[השי"ת זאָל] **מְקַבֵּל זיין תְּפִלָּתֵינוּ, מ'זאָל מְקַבֵּל זיין תְּפִלַּת יִשְׂרָאֵל.**

באמת, דאָס דאַרף מען דעך נישט זאָגן, ווי ווייט דעס דור איז אָנגעוויזן אויף **יְשׁוּעַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.**

דער אמת, מ'קאָן זיך גאָרנישט מצייר זיין מיטן שֵׂכֶל וויאַזוי מ'קאָן האָבן א תְּקוּמָה, וויאַזוי מ'קאָן ווייטער האָבן אַ תְּקוּמָה, ס'איז טאַקע נאָר עֵינֵינוּ צוֹפִיּוֹת צום בורא כל עולמים, דער בורא כל עולמים זאָל העלפן מֵאַשְׁפּוֹת דַּלּוּתֵינוּ תְּרוֹמְמֵנוּ.

דער אייבירשטער זאָל העלפן: אידן וואָס זיי ווילן גיין אין דֶּרֶךְ ה' זאָל מען מַשְׁפִּיעַ זיין מִן הַשָּׁמַיִם, מ'זאָל אַריינשיינען אין אידישע הערצער אז מ'זאָל די זכיה האָבן מקבל זיין דעם **עוֹל תּוֹרָה און דעם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם.**

מ'זאָלמיר נאָך מְתַקֵּן זיין וואָס מ'האָט פוגם געווען, ווילאַנג ס'איז נאָך צייט.

אז דער בורא כל עולמים וועט העלפן, מ'וועלמיר זוכה זיין מקבל זיין פני משיח צדקינו, זאָל מען נישט מקבל זיין מיט חרפה ובבושה אז מ'איז חלילה געווען פון די מְרַחְקִים אֶת הַגְּאוּלָּה.

יְרַחֵם ה' עַל עַמּוֹ וְעַל אַרְצוֹ.

מ'זאָלמיר במהרה געהאָלפן ווערן מ'זאָל די זכיה האָבן מ'זאָלמיר דינען דעם באַשעפער באמת ובתמים.

מ'זאָל זוכן דעם אמת, און מ'זאָל טאַקע זיין ביים אמת.

ס'זאָל אַרויסקומען א "כבוד שמים" בכלל ובפרט.

מ'זאָל געהאָלפן ווערן במהרה, ס'זאָל טאַקע זיין: **אַ שְׁנַת חַיִּים וּבְרָכָה. אַ שְׁנַת גְּאוּלָּה וִישׁוּעָה.**

**דער בורא כל עולמים זאָל דערפרייען אידישע הערצער.**

**ס'זאָל נִתְמַלֵּא ווערן מִשְׁאֲלוֹת לִבֵּנוּ לְטוֹבָה. מיט אַ יְשׁוּעָה אֲמִתִּית.**

בהתגלות שמים עלינו במהרה בימינו אמן.

KolSatmar.com